סאָציאליסטישע קעמפּיין־
ביבליאָטעק

נומער 5—6.

מענש, איד

אונ

סאָציאַליסט

פון א. ליטוואק

פערלאג פון דער
אידישער ס. פּ. פעדעראציאן
ניו יאָרק, 1916.

446

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

731

אינהאַלט.

		זייט
1.	טאָמער און אודאי.................	5
2.	די אידישע צרות און דער סאָציאליזם....	12
3.	אַ סאָציאליסט אָדער אַ קהלס־מאַן.......	28
4.	ארויסגעוואָרפענע שטימען............	40

מענש, איד און סאָציאַליסט

.1

טאָמער און ודאי.

— ווילט איהר טאקע, אז איך זאָל אָפּגעבען מיין שטימע פאר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט... איך בין דאָך אָבער אַ איד!

— וואָס הייסט, איהר זייט אַ איד? זייט איהר טאַקע אַזוי פרום, אז אויף וואָס דער רב זאָגט ניט כשר, איז ביי אייך טריף? גלויבט איהר אין דער אמת'ען אַז אַלץ ווערט געטהאָן פון גאָט, און אַ מענש קלאפּט ניט אָפּ זיין מינדסט פינגערעל אונ־טען, סיידען מען האָט אַזוי גוזר געווען אויבען, דעריבער האָט איהר אַליין ניט וואָס צו זאָרגען פאר זיך, מען וועט אייך שוין אַלץ אַראָבוואַרפען פון אויבען?

— דאָס גראָד ניט. וואו נעהמט מען עס היינ־טיגע צייטען אַזעלכע נאַראָנים. פרום, פרענגט איהר? כ'וויים. ראש השנה־יום כפור נעה איך אין אַ סאַלון צום מנין, אַ ביסעל דאַווענען און אַ ביסעל הערען אַ חזן...

— דאָס גאָר? אָבער ראש־השנה־יום־כפור גלויבט איהר טאקע מיט'ן גאַנצען הארצען?...

— איך וויים, צו איך גלויב, צו איך גלויב ניט? ווער האָט צייט צו קלעהרען וועגען דעם! איך בין דאָך ניט קיין רב, קיין שכירות דערפאר

נעהם איך ניט... אַי איך געה ראש השנה־יום כפור דאוונען, איז, ערשטענס, בין איך שוין אזוי צו־געוואוינט פון קינדווייז אויף. צווייטענס, קען מען ניט איינרייסען מיט משפחה; מען שעהמט זיך פאר בעקאנטע. און, דריטענס, איז עס דוקא ווייל איך ווייס ניט... אַ קשיא אויף אַ מעשה... טאָמער איז ער טאַקע בעל־הבית, דארף מען דאָך מיט איהם ניט איינרייסען...

— הייסט עס, אַז גאָט׳ס אַ איד זייט איהר נאָר ראש השנה־יום כפור, און דאָס אויך נאָר צוליעב טאָמער. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר זייט איהר אַ מענש, וואָס דארף אַליין זאָרגען פאר זיך. און ווי זאָגט יענע מארק־אידענע: זאָל איך דאָס פערקרענקען, וואָס ער גיט מיר. ווען איך זאָל אַ טאָג ניט ארויס מיט די קאָשיקעס אין מארק, וואָלט איך מיט די קינדער פון הונגער געשטאָרבען. אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר זייט איהר אַ מענש, אַן ארבייטער; ווילט איהר וועניגער ארבייטען און מעהר בעקומען, דער ארבייטסטאָג זאָל זיין קלע־נער און די שכירות גרעסער. ווילט איהר בעסער לעבען, ווילט זיך פערזאָרגען, אַז טאָמער חלילה אַן אומגליק, אַ קראנקהייט, אַ סיבה ביי דער אר־בייט אָדער גלאט אַ שלעכטע צייט, ווען עס איז קיין ארבייט ניטאָ, זאָלט איהר ניט דאַרפען אויס־שטרעקען קיין האנד, זאָל אייער אַלמנה, אייערע יתומים ניט דארפען אָנקומען צו לייטען. איהר ווילט וואוינען, ווי אַ מענש, ניט דערשטיקט ווע־רען אין ענגשאפט, אין אייגענעם שמוץ; אייערע

קינדער זאָלען בעקומען גענוג לופט, גענוג געזונדע שפייז, א גוטע ערציהונג; די נויט זאָל ניט אונ־טערשניידען זייער לעבען, זאָל ניט אויסזויגען זייער בלוט, בעת זיי זיינען נאָך יונג; די נויט און די שווערע האַרעוואַניע זאָלען אייך ניט מאַכען צו פריה אַלט, ניט טרייבען פאַר דער צייט אין קבר אריין. איהר ווילט, ארבייט זאָל זיין טהייער און שפייז ביליג. איצט איז דאָך פּונקט פערקעהרט. דער יקרות שפּרינגט אין דער הויך. אַלץ איז בראַנד טהייער. ווי מען זאָל ניט אויסמאַרקירען די שכירות, איז אַלץ קנאַפּ. אָדער ווילט איהר אפשר האָבען אַ קאַזאַרמע דאָ אין אמעריקא? וואָס קוקט איהר מיר אזוי אָן? דאָס וואָס מען רופט אויף אַ געהויבענעם לשון „פּריפּערעדנעס", איז דער טייטש אַ קאַזאַרמע פאַר אייך מיט אייערע קינדער. וויפיעל אידען זיינען ענטלאָפען פון רוס־לאַנד און גאַליציען צוליעב דער דאָרטיגער קאַזאַר־מע?! ווילט איהר זי איצטער האָבען אין די פער־איינינגטע שטאַאַטען? וואָס מיינט איהר, אַן אמע־ריקאַנער קאַזאַרמע איז אַ סך געשמאַקער, ווי אַן אייראָפּעאישע? די עכטע אַמעריקאַנער ווייסען נאָך אָפּט גאָר ניט, מיט וואָס מען עסט עס. זיי מיינען, עס איז אַ מין ספּאָרט. אָבער מיר האָבען דאָך שוין פערזוכט דעם טעם דערפון. מיר ווייסען שוין ווי דאָס שמעקט. און אפשר ווילט איהר גאָר האָבען אַ מלחמה'לע, אַ בלוטיגען שפּיעלכעל, ווי אין איירָאפּאַ איצטער? זאָגט, שעהמט זיך ניט.

— איך וויים, וואָס איהר רעדט? אַ נאַר בין

איך, וואָס ? זאָל מען אָפּגעהיטעט ווערען דערפון. געוויס וויל איך וואָס בעסער.

— אָבער ווער וועט אייך אָפּהיטען דערפון, — ווען איהר אַליין וועט ניט טהאָן עפּעס דערצו ? ווער וועט מאַכען וואָס בעסער ? דער מנין אין סאַלון ? איהר זייט אַ בירגער פון דער פרייער מדינה, וואָס רופט זיך די פעראייניגטע שטאאטען. און געזעצען פאַר דער דאָזיגער מדינה ווערען ניט אויסגעארבייט ביים דאַוונען. דארפט איהר זעהן, אַז וואו מען מאכט די געזעצען, זאָלט איהר אויך האָבען אַ דעה. א י ה ר וועט דאָך מוזען פאָלגען די געזעצען ; זיי וועלען דאָך אייער לעבען רע־גולירען ; פאַרוואָס זאָלט איהר ניט זאָגען אייער וואָרט, בעת מען מאכט זיי ? געוויס קענען מיליאָ־נען מענשען ניט מאכען קיין געזעצען. זיי האָבען קיין צייט דערויף ניט, און עס איז אונמעגליך אויך. עס וואָלט געוועזן אַ דור הפלגה, ניט קיין געזעצ־געבונג. די געזעצען ווערען געמאכט דורך שלוחים, דורך פערטרעטער ; דורך קאָנגרעס־לייט, אסעמבלי לייט, אָלדערמען : קענט איהר אויסקומען מיט די שלוחים, וואָס אייערע באָסעס וועלען פאַר אייך שיקען, אָדער איהר מוזט האָבען אייערע אייגענע שלוחים, וואָס זאָלען רעדען אין אייער נאָמען, וואָס זאָלען זיך איינשטעלען פאַר אייערע נויטען ? ווער עס האלט די פעדער, יענער שרייבט זיך אָן אַ גוט יאָהר. ביז אהער האָבען די פעדער געהאַלטען כמעט דורכאויס די שלוחים פון די רייכע, פון די וואָס הערשעווען איבער אייך. האָבען זיי אָנגע־

שריבען אזעלכע געזעצען, ווי פאר זיי האָט גע־לוינט. שוין צייט, אז די פעדער זאָל איבערגעהן צו אייך אין האנד, צו די שלוחים, וואָס איהר וועט אויסוועהלען; זיי זאָלען שרייבען געזעצען, ווי פאר אייך לוינט, אייך פערהיטען, פאר אייך בע־סער מאכען. און אייערע שלוחים, דאָס זיינען די סאָציאַליסטען. איז אויב איהר גלויבט ניט, אז גליקען פאר אייך וועלען אראָפּפאלען פון הימעל, און אויב איהר ווילט ניט, אז די באָסעס זאָלען שיקען זייערע שלוחים, וואָס וועלען אייך כלומרשט צוזאָגען צו טהאָן אי פאר אייך, אי פאר זיי, און אין דער אמת'ען וועלען זיי טהאָן נאָר פאר זיי — אויב איהר ווילט עס ניט, מוזט איהר שטימען פאר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט.

— אָבער פאר וואָס קען דאָס ניט זיין, אז זייערע שלוחים זאָלען טאקע ארבייטען אי פאר אונז, אי פאר זיי?

— פאר וואָס קענען וואסער מיט פייער ניט זיין צוזאמען? פאר וואָס קען ניט זיין קיין שלום צווישען א וואָלף מיט א שעפּס? מיין מאַמע עליה השלום פלעגט זאָגען, אז ווען א דאָקטאָר ווינשט גוט־מאָרגען!, טאָר מען איהם ניט ענטפערען: גוט יאָהר! ווייל ער קען האָבען א גוט־יאָהר נאָר, ווען אנדערע וועלען זיין קראנק. נו, און אייערע באָ־סעס קענען ווערען פעט, נאָר ווען איהר וועט ווע־רען מאָגער. דאָס פיהלט איהר ביי יעדען סטרייק. דאָס פיהלט איהר ביי דער ארבייט אין שאפּ. און ווען איהר וועט זיך צוקוקען גוט, וועט איהר עס

פיהלען אויך אין קאָנגרעס, אויך אין די אסעמבליס און באָארד אָוו אָלדערמען — אין דער גאנצער פּאָליטיק פון לאנד.

איהר האָט פריהער אליין געזאָגט, אז איהר געהט ראש־השנה־יום־כפור דאווגען צוליעב א טאָמער... אָבער אז די וועלף קענען ניט שרייבען קיין געזעצען פאר די שעפעלעך, דאָס איז דאָך געוויס. אז די פאָדערונגען פון די סאָציאַליסטען קענען אייך פערהיטען, קענען מאכען פאר אייך בעסער, דאָס איז דאָך ניט קיין ספק, נאָר אודאי. דער אויבען איז א טאָמער. אייערע פעראייניגטע קרעפטען זיינען א מאכט, אין וועלכער עס איז קיין ספק ניטאָ. ווען צוליעב דעם טאָמער געהט איהר דאווגען ראש־השנה־יום־כפור, פאר וואָס זאָלט איהר צוליעב דעם וודאי ניט וואוטען פאר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט?

— אָבער איך בין דאָך א איד!

— גוט, ווייל איהר זייט א איד. אונזערע טאטעס האָבען געגלויבט אין עולם הבא, אין א גליקליכען לעבען נאָכ'ן טויט, אין גן עדן. גלויבט איהר נאָך אויך אין דעם?

— כ'ווייס אין וואָס איך גלויב? אודאי וואָלט געווען גוט עולם הבא... כאָטש נאָכ'ן טויט אביסעל גליק...

— נו, און שאפען א גליקליכען לעבען אויף דער וועלט, גליק פאר אלע, א וועלט אָהן גבירים און אָרימע לייט, אָהן ארבייטסלאָזע; א וועלט,

וואו קיינער זאָל זיך צו קיינעם ניט דארפען פער־
דינגען און קיינער זאָל אָן קיינעם ניט פערדינגען,
וואו אלץ זאָל געהערען צו אַלעמען; יעדער זאָל
קענען ענטוויקלען אַלע זיינע כחות, גאַר זיינע
פעהיגקייטען, קיינער זאָל ניט פערטהיילט ווערען,
די ארבייט זאָל ניט זיין קיין פּיין, און די צו־
טהיילונג קיין גזלה — ווילט איהר העלפען שאפען
א גן עדן אויף דער וועלט?

— וואָס האָט איהר זיך צו'טענה'ט? איהר
ווילט מיר דערווייזען, אַז געבראַטענע טויבען זייי־
נען גוט? אודאי זיינען זיי גוט. אָבער ווען וועט
עס נאָך זיין? ווער וועט עס דערלעבען?

— יא, אַז אלע וועלען אזוי זאָגען, וועט עס
קיינמאָל ניט זיין. אַז אַלע וועלען זיפצען: עס
וואָלט געווען גוט! און קיינער וועט קיין זאך ני
טהאָן, עס זאָל ווערען גוט, וועט קיינמאָל גוט ניט
ווערען. דער גן עדן, וועגען וועלכען איך רעד,
וועט דאָך פון הימעל ניט אראָפּפאלען. מען דארף
איהם פלאנצען; מען דארף איהם בויען. דאָס איז
א לאנגער מיהזאמער וועג. אונזער ענערגיע קען
מאַכען דעם וועג קירצער. דאָס איז א שווערע
מלחמה. אונזער ענערגיע קען מאכען נעהנטער
דעם נצחון. יעדער כח, וואָס מען טהוט זיך אָן
פאַר'ן סאָציאַליזם, איז אַ ציגעל אין דעם גרויסען
בנין פון דער צוקונפט. יעדער נייער טויזענד
שטימען, וואָס די סאָציאַליסטען בעקומען, איז א
נייער באטאליאָן אין דער גרויסער אַרמעע, וואָס
דארף אומקעהרען די וועלט מיט איהרע רייכטהי־

מער צו דער גאַנצער מענשהייט. ווען מען געהט, דערגעהט מען. שטעהט מען אויף אַן אָרט, קען מען דאָך קיינמאָל צו גאָר נישט קומען. מיר ווע־לען עס אפשר ניט דערלעבען. וועלען עס אונ־זערע קינדער דערלעבען. און אַז אַ איד פערזי־כערט זיין לעבען (לייף־אינשורענס), טהוט ער דאָך דאָס אויך צוליעב די קינדער. איז זיך אַ מענש ניט מקריב צוליעב קינדער? עולם הבא הייסט דאָך מאָרגען. די רעליגיעזע עולם הבא ווייזט אַן דעם מאָרגען אויפ'ן הימעל. די סאָציאַליסטישע עולם הבא איז אַ מאָרגען דאָ, אויף דער ערד. אונ־זערע טאַטעס האָבען געקענט לעבען צוליעב דעם מאָרגען אויפ'ן הימעל. פאר וואָס זאָלען מיר ניט לעבען צוליעב דעם מאָרגען אויף דער ערד? איהר געהט דיענען גאָט צוליעב אַ טאָמער־עולם הבא, וואָס איהר האָט איבער דעם קיין רשות ניט. פאר וואָס זאָלט איהר ניט דיענען דער מענשהייט, זיך און אייערע קינדער צוליעב אַן עולם הבא, וואָס איהר, פֿערבונדען מיט אַנדערע פון אייער גלייכען, קענט שאפען מיט אייער ענערגיע, מיט אייער קאמף?

.2

די אידישע צרות און דער סאָציאַליזם.

— איהר פערשטעהט מיך ניט גוט. ווען איך זאָג, איך בין אַ איד, מיין איך ניט דוקא פרומקייט, ניט דוקא דעם מנין מיט'ן דאוונען ימים נוראים.

איך מיין די אידישע צרות. געוויס טאָר מען ניט זינדיגען. אמעריקא איז ניט רוסלאנד... דאָ איז ניטאָ קיין גזרות... איין געזעץ פאר אלעמען... אָבער פיינד האָט מען דאָך אונז דאָ אויך. ניטאָ דאָ קיין אנטיסעמיטען, וואָס? הלואי וואָלטען זיי אזוי ניט געווען, ווי זיי זיינען פאראן. וואָס זאָגען עפּעס אייערע סאָציאליסטען דערצו? האָבען זיי עפּעס א רפואה צו דער דאָזיגער מכה?

— ווי מיינט איהר, פאר וואָס האָט מען פיינד אידען? פאר וואָס איז בכלל פאראן א שנאה צווישען נאציאָנען?

— פאר וואָס האָט מען פיינד? ווייל מענשען פערגינען ניט איינע די אנדערע דעם לעבען. יע־דערען דוכט זיך, אז ווען דער אנדערער זאָל ניט זיין, וואָלט איהם בעסער געווען. אן איירישער ארבייטער מיינט, אז ווען ניט אידען, ווען ניט אימיגראנטען בכלל, וואָלט ער האָבען מעהרער ארבייט; וואָלט ניט געווען קיין סלעק. וואָלט ער געווען מעהר יחסן ביים באָס און ער וואָלט מאכען א בעסערען לעבען. דער קריסטליכער קרעמער פערגינט ניט דעם אידישען קרעמער זיין לייזונג. דאָקטוירים, דאַנטיסטען, לאָיערס — וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען? קאָנקורענץ, קנאה, שנאה. די אידישע גבירים, די מיליאָנערען, די שיפּ'ס, די גוגענהיים'ס, די זעליגמאנ'ס זיינען דאָך אודאי גרויס ביי אלעמען אין די אויגען.

— אָבער ביי די קריסטען גופא איז דאָך אויך

פאראן קנאה־שנאה? און אידען פערגינען דען איינע די אַנדערע?

— קיינער פערגינט קיינעם ניט. די הונגעריגע דוכט זיך, אַז אַנדערע הונגעריגע רייסען ביי זיי דעם ביסען פון מויל ארויס. און די גבירים וואָל־טען וועלען פערכאַפּען אַלע פרעמדע ביסענס צו זיך אין מויל אריין. זיי ווילען ניט האָבען נעבען זיך נאָך גבירים, וואָס כאַפּען אויך פרעמדע בי־סענס.

— איז דאָך דאָס שוין אַזאַ טבע ביי מענשען. וואָס האָט עס צו טהאָן מיט איד און קריסט?

— מיר האָבען זיך געביטען מיט די יוצרות. איצטער פרעגט איהר און איך דארף איך לערנען.

— אדרבא. לערענט.

— איהר פערשטעהט. ווען אַ איד פערגינט ניט אַ אידען, איז דאָס זיין אייגענע זאַך; מיט אַנדערע האָט עס ניט, וואָס צו טהאָן. אָבער ווען אַ קריסט זאָל ניט פערגינען אַ אידען, וועלען אַלע אידען שרייען — ער איז אַ שונא ישראל. מען דארף זיך אָננעהמען פאר אחינו בני ישראל. פונקט דאָס זעלבע איז פערקעהרט. ווען אַן איירישער קאָנקורירט מיט אַן איירישען, קען ער דאָס איירי־שע פאָלק צו הילף ניט רופען. וואָרום פאַר וואָס זאָלען זיי זיך אָננעהמען פאַר איינעם און ניט פאַר'ן אַנדערען? אָבער ווען אַן איירישער פער־גינט ניט אַ אידען, שרייט ער: אידען זיינען אַ צרה, פון וועלכע מען מוז פטור ווערען. ער גע־פינט אַן אויסרעד: אַ פרעמדער גלויבען, פרעמדע

בלוט. די אייגענע מוזען זיך אָננעהמען, איהם העלפען.

— אויב איך האָב אייך גוט פערשטאנען, הייסט עס, אז דער עיקר איז די קאָנקורענץ. די פרעמד־קייט איז נאָר אַן אויסרעד. אין א וועלט פון קאָנ־קורענץ, וואו איינער וויל אראָבוואַרפען דעם אנ־דערען פון בענקעל, כדי אליין זיין אָרט צו פער־נעהמען, וואו יעדערער גלויבט, אז ער קען געבויט ווערען נאָר פון יענעמס חורבן, ניצט מען אויס יעדען אונטערשייד צווישען איין קאטעגאָריע מענ־שען און דער אנדערער, כדי פטור צו ווערען פון איבעריגע הענד, פון איבעריגע מיילער, פון קאָנקו־רירענדע קעשענעס. מען נוצט אויס די לענג פון די נעזער, די פארב פון דער הויט, די שפּראך, די רעליגיאָן, די אָפּשטאמונג — אלץ ווערט אויס־גענוצט, כדי פטור צו ווערען פון א קאָנקורענט; אלץ ווערט אויסגענוצט פאר אַן אויסרעד יענעם אונטערצודריקען, יענעם אויסצוזויגען. און כל זמן עס וועט זיין קאָנקורענץ אויף דער וועלט, כל זמן עס וועט זיין פּריוואט־אייגענטום און לוין־ארבייט, כל זמן עס וועלען זיין ארבייטסלאָזע, כל זמן א מענש וועט קענען עקספּלואטירען א מענשען, וועט מען זוכען אויסרעדען, וועט יעדע גרופּע ווע־לען געפינען אַן אנדער גרופּע, וועלכע זי קען לייכ־טער אָפּראמען פון וועג, לייכטער אונטערדריקען. וועט זיין פיינדשאפט צווישען נאציאָנען, וועט זיין אנטיסעמיטיזם. די פיינדשאפט קען ביי היינטי־גער אָרדנונג נאָר קלענער ווערען. דער אנטיסע־

מיטיזם קען שוואכער ווערען. אמעריקא איז ניט רוסלאנד. אָבער אין גאנצען פערשווידען קען דער אנטיסעמיטיזם אין היינטיגער וועלט ניט. מען קען שוין איצט אָרויסטרייבען די פיינדשאפט פון געזעץ. אין ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, אין די פעראייניגטע שטאאטען געניסען אידען גלייכע רעכט. אָבער אויסוואָרצלען די פיינדשאפט פון דער געזעלשאפט אין גאנצען — דאָס איז אין א וועלט פון פריוואט־אייגענטהום און לוין־ארבייט אונמעגליך.

אָבער אין א וועלט, וואו עס וועט ניט זיין קיין פראָפיט, וועט קיינער ניט זיין קיינעם גרוים אין די אויגען, וועט קיינער ניט האָבען קיינעם ניט צו פערגינען. אָהן קאָקורענץ, אָהן סוחרים, אָהן באנקירען—פון וואנען וועט זיך נעהמען די שנאה? אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועט ניט זיין קיין לוין־ארבייטער און קיין ארבייטסלאָזיגקייט; יעדער איינער וועט זיין זיכער, אז עס איז דאָ ארבייט פאר אלעמען און גענוס פאר אלעמען; מעהר מענשען וועט ניט הייסען מעהר הענד, וואָס ווילען זיך פערקויפען און מאכען ענג איינע די אַנדערע; די אַלגעמיינע אָרגאניזאציע וועט אויס־רעכענען, וויפיעל פראָדוקטען אלע מענשען פון לאנד דארפען האָבען און וויפיעל שעה עס איז נויטיג אויסצוארבייטען די דאָזיגע פראָדוקטען; נאכהער וועט זי צוטהיילען די צאָהל שעה'ן אויף די צאָהל מענשען, וואָס זיינען פעהיג צו ארבייטען, און בעשטימען דעם ארבייטסטאָג. פערשטעהט

זיך, אז דערבײ װעט גענומען װערען אין אכט די שװערקײט אָדער לײכטקײט פון פערשיעדענע מינים ארבײט. אַ שעה שװערערע ארבײט װעט זיך רעכענען מעהר װי אַ שעה. פערקעהרט, בײ אַן ארבײט, װאָס איז לײכטער װי געװעהנליך, װעט אַ שעה זיך רעכענען פאר װעניגער װי אַ שעה. נאָר צו װאָס ארײנגעהן אין אײנצעלהײטען? די מענשען, װאָס װעלען דעמאָלט זײן, װעלען שױן קענען אַלץ מאַכען װאָס בעסער. דער עיקר איז, װען יעדערער װעט זײן זיכער מיט זײן ארבײט און מיט זײן עקזיסטענץ, װען קײנער װעט ניט קוקען אויף דעם אַנדערען, װי אויף אַזעלכען, װאָס שטעהט איהם אין װעג. װעט ניט זײן קײן שום גרונד פאַר פײנדשאפט צװישען נאַציאָן און נאַציאָן, קײן שום גרונד פאַר אַנטיסעמיטיזם.

אָדער נעהמט די פראגע װעגען שפּראכען, װעגען קולטורען. איצט װילען די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליאקען, אז אידען, ליטװינער און רוטענער, װאָס װאױנען אין פּױלען, זאָלען דוקא געהן אין פּױלישע שולען, און די פּױלישע שפּראך זאָל זײן די הערשענדע. אידישע קינדער זאָלען לערנען אַלע למודים דוקא אויף פּױליש, ניט אויף אידיש. אויף אידיש, ליטװיש און רוטעניש זאָל מען זיך ניט טאָרען צונױפרעדען ניט אין פּאָסט, ניט אין קאָורט, ניט אין װעלכע עס איז אַנדערע עפענט־ליכע אינסטיטוציעס. זײ װילען נעהמען די אי־דען, ליטװינער און רוטענער און מאכען זײ מיט געװאַלד פאַר פּאָליאַקען. פאַר װאָס װילען

זיי דאָס? ווייל עס זיינען דאָ שפּראַך־אַרבייטער, אינטעליגענטען: לעהרער, שרייבער, אַקטיאָרען, וועלכע מאַכען אַ לעבען פון דער שפּראַך, פון דער קולטור. און צווישען די דאָזיגע אינטעליגענטען איז פאַראַן אַ גרויסע קאָנקורענץ; וויל יעדע גרופּע פערכאַפּען פאַר זיך דאָס גאַנצע פעלד. ווען די פּוילישע שפּראַך וועט זיין די הערשענדע, וועלען פּוילישע אינטעליגענטען האָבען מעהר לעהרער־שטעלעס, די פּוילישע צייטונגען מעהר לעזער, די פּוילישע טהעאַטערען מעהר בעזוכער. פאָדערט מען אַסימילאַציע. פאָדערט מען בעגרענצונגען אפילו פאַר די פרעמדע, וואָס האָבען זיך אַסימילירט. וואָרום אַן אַסימילירטער פרעמדער איז דאָך אויך אַ קאָנקורענט. אַ אידישע צייטונג נעהמט סוף כל סוף צו לעזער פון דער פּוילישער פּרעסע. אָבער אַ איד, וואָס שרייבט פּויליש, נעהמט אויך צו אַר־בייט ביי אַ פּאָליאַק, וואָס שרייבט פּויליש. וואָל־טען די פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע שפּראַך־אַרביי־טער וועלען, אַז אַלע אידען זאָלען לייענען פּויליש, און קיין איד זאָל קיין פּויליש ניט שרייבען. אַלע אידען זאָלען זיין געברויכער פון דער פּוילישער קולטור, קיין איד זאָל ניט זיין קיין אַרבייטער אין דער פּוילישער קולטור. די אידישע קולטור בע־קעמפּפט מען אין נאָמען פון אַסימילאַציע. די אידען, וואָס קענען און ווילען ווערען פּוילישע שפּראַך־אַרבייטער, בעקעמפּפט מען אין נאָמען פון דער ריינקייט פון דער פּוילישער קולטור. ס'הייסט;

די פרעמדע פערדארבען אונזער קולטור, פערדונק־
לען איהר ריינקייט. דער קאמפף צווישען קולטו־
רען איז איצט א קאָנקורענץ־קאמפף צווישען די
מענשען, וואָס מאכען א לעבען פון קולטור. סוף
כל סוף א קאמפף פאר שטעלעס, פאר פערדינסט.
אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועט דער
תהום צווישען פיזישער און גייסטינגער ארבייט
פערשאָטען ווערען. דער לעהרער וועט נים זיין
קיין גרעסערער יחסן פאר דעם שוסטער; די ער־
ציהונג וועט זיין א געזעלשאפטליכע. מענשען
וועלען צוגעגרייט ווערען צו איין פאך אָדער צום
אַנדערען, לויט זייערע פעהיגקייטען און נאטיר־
ליכע נייגונגען. ניט די אָפּשטאמונג, ניט דער
קאפּיטאל פון די עלטערען וועלען בעשטימען, וואָס
פאר אַן אָרט אַ מענש זאָל פערנעהמען, נאָר די
טאלענטען און פעהיגקייטען, מיט וועלכע די נאטור
האָט איהם בעשאָנקען; און ווען א מענש וועט
געבענשט ווערען פון דער נאַטור מיט בעסערע
פעהיגקייטען, וועט עס ניט הייסען, אז ער דארף
נאָך דערפאַר בעקומען עשירות. זיינע פעהיגקיי־
טען גופא וועלען זיין פאַר איהם די בעסטע בע־
פרידיגונג. אין אַזאַ וועלט וועט ניט זיין קיין קאָנ־
קורענץ צווישען די ארבייטער פון שפראך און קול־
טור, און ממילא וועט ניט זיין קיין קאמפף צווי־
שען שפּראכען און קולטורען. קיינער וועט ניט האָבען
קיין גרונד צו צווינגען דעם אַנדערען, ער זאָל דוקא
אָננעהמען די זעלביגע קולטור, וואָס ער. יעדערער
וועט אָננעהמען די שפּראַך און קולטור, צו וועלכע

עס וועט איהם מעהר ווי אַלץ ציהען. איצט, ווען איינער איז אַ האַלצזעגער און דער אַנדערער אַן אינזשיניער, הייסט עס ניט, אז זיי זיינען געבוירען דערצו. זעהר אָפט איז דער אינזשעניער פון דער נאַטור פעהיג נאָר האָלץ צו זעגען, נאָר דעם טאַ־טענס קעשענע אָדער אַ צופאל האָט איהם געמאכט פאר אַן אינזשעניער. און עס טרעפט פערקעהרט, אַז צווישען האָלץ־זעגער זיינען בעהאלטען גרויסע פעהיגקייטען צו וויסענשאפט, גרויסע טאַלענטען אין קונסט, נאָר זיי ווייסען אַליין דערפון ניט, און קיינער ווייס דערפון ניט. די ערציהונג און די אָרימקייט בעגראָבען אַ סך טאַלענטען, פערטעמפען אַ סך פעהיגקייטען. און דאָרטען, וואו מען דאַרף האָבען פעהיגע און טאַלענטירטע, זיצען אָפט טעמ־פע און טאַלענטלאָזע. אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועט יעדערער האָבען די פולע מעגליכקייט אויסצוניצען זיינע פעהיגקייטען און טאַלענטען, פאַנאַנדערוויקלען אַלע זיינע קרעפטען. די געזעל־שאפט וועט מאַכען מעגליך פאַר יעדען איינעם צו פערנעהמען זיין געהעריגען אָרט, אויף וועלכען ער אַליין קען געפינען די גרעסטע מאָס זעלבסט־צו־פריעדענהייט און געבען זיינע מיט־מענשען די גרעסטע מאָס נוצען.

און אַזוי ווי מיט איינצעלנע מענשען, אַזוי אויך מיט שפּראַכען און קולטורען. איצט, ווען אַ שפּראַך געהט אונטער, ווען אַ קולטור פערשווינדט, הייסט עס ניט אַלע מאָל, אַז די שפּראַך גופא איז געווען ערגער פאַר דער שפּראַך, וואָס האָט זי בעזיעגט,

אָדער אז די פערשוואונדענע קולטור איז געווען ניעדריגער פאר דער קולטור, וואס האָט זי איבער־געלעבט. עס הייסט נאָר, אז אין קאמפף פאר עקזיסטענץ זיינען די אָנגעהעריגע פון איין שפראך געווען שטארקער פאר די אָנגעהעריגע פון דער אנדער שפראך; און צוליעב פּאָליטישע און עקאָ־נאָמישע סיבות האָט מען׳ איין קולטור פערגוואל־דיגט. עס איז ניטאָ קיין ריינער קאמפף צווישען קולטורען, און די זיגערין איז ניט אַלע מאָל די בעסערע. ווען אין ארגענטינע זאָל למשל אונ־טערגעהן דער אידישער טיפּ, ווען ער זאָל דער־טרונקען ווערען אין דעם שפּאַניש־ארגענטינישען, וועט עס ניט הייסען, אַז דער אידישער טיפּ איז אָרימער פאר דעם שפּאַניש־ארגענטינישען; עס וועט נאָר הייסען, אז די שפּאַניש־ארגענטינער זייִ־נען דאָרטען געווען די הערשענדע נאַציאָן, האָבען זיי געמאכט די שפּאַנישע שפראך פאר די הער־שענדע און אַלע איבעריגע שפראכען און קולטורען האָבען ניט בעקומען קיין מעגליכקייט זיך צו ענט־וויקלען.

אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועלען אַגיך אונטערגעהן שפראכען און קולטורען. אָבער דאָר־טען וועט עס ניט זיין אָפּהענגיג פון זייטיגע סבות, נאָר פון דער רייכקייט און אָרימקייט פון די קול־טורען גופא, פון זייער אנציהונגס־קראפט. אויב אַ קולטור וועט אונטערגעהן אין דער סאָציאַליס־טישער וועלט, וועט עס זיין ניט, ווייל מען האָט

זי מיט גוואלד דערשטיקט, נאָר ווייל זי האָט זיך אויסגעלעבט.

אין אַ סאָציאַליסטישע וועלט וועט ניט זיין קיין שום סיבה פאר קנאה און שנאה צווישען נאַציאָנען, וועט ניט זיין קיין גרונד פאר'ן אַנטיסעמיטיזם. מעגליך אז די ערשטע צייט וועלען נאָך בלייבען רעשטלעך פון געגענזייטיגער פערפרעמדקייט, אַ ירושה פון דער אלטער וועלט, וועלכע קען ניט מיט איין מאָל פערשווינדען. אָבער גאָר גיך וועט דאָס נייע לעבען אויסוואָרצלען די אלטע פאָראורטהיילען. אויף דעם אונטערשייד אין דער לענג פון די נעזער קען זיך קיין אַנטיסעמיטיזם ניט האלטען.

מיט איין וואָרט, נאָר דער סאָציאַליזם קען ברענגען אַ רפואה שלמה צו דעם אַנטיסעמיטיזם. און' ווער עס שטעהט צו צו דער סאָציאַליסטישער פארטיי, ווער עס וואוט פאַר איהר, ווער עס העלפט איהר מיט געלד און אַרבייט, יענער העלפט אָפּשאפען דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער וועלט. דוקא ווייל אידען ליידען אַזוי שטארק פון נאַציאָנאלער פיינדשאפט, מוזען זיי מעהר ווי אַנדערע העלפען ברענגען דעם סאָציאליזם אויף דער וועלט.

— איהר ווייסט, איהר רעדט שוין צופיעל וועגען עולם הבא. גוט, דער סאָציאַליזם וועט אמאָל ברענגען די גאולה, און מיר וועלען פטור ווערען פונ'ם אַנטעסעמיטיזם. אָבער דאָס וועט זיין אמאָל. דערווייל וואָס? וואָס טהוען די סאָציאַליסטען איצטער געגען דעם אַנטיסעמיטיזם?

זייט איהר נאָר אַ פארטיי פון מאָרגען און פאר'ן היינט האָט איהר גאָר ניט?

— דער היינט איז ביי אונז פערבונדען מיט'ן מאָרגען. מיר זאָרגען פאר'ן היינט גופא און מיר זאָרגען, אַז דער היינט זאָל ברענגען דעם מאָרגען. אַזוי אין אַלץ, אַזוי מיט אידען אויך.

— וואָס ווילט איהר זאָגען?

— איך וויל זאָגען אָט וואָס. מיר האַלטען, אַז אויסלעזען די ארבייטער פון אַלע צרות וועט נאָר דער סאָציאַליזם. נאָר ווען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט אָפּגעשאפט ווערען, וועלען די ארבייטער ווערען פריי. דאָך לעגען מיר ניט אָפּ אַלע פראגען ביז צו דער צייט פון דער גאולה. מיר ווייסען, אַז ביז עס וועט קומען די נחמה, קען ארויס די נשמה. און אויב די ארבייטער זאָלען איצט זייער לאגע גאָר ניט פערבעסערען, וועלען זיי אויסגעמאָרעט ווערען, פערטעמפּט ווערען. וועלען זיי ניט האָבען קיין מוטה, ניט קיין צייט, ניט קיין כח צו קעמפּפען פאר'ן סאָציאליזם. מיר ווילען, דער ארבייטער זאָל שוין אין דער היינטיגער וועלט ווייניגער ארבייטען, בעסער לעבען, בעקומען געזעצען, וואָס זאָלען איהם שיצען, בעקומען אַן ערציהונג, וואָס זאָל פאר איהם מאכען מעגליך צו דענקען און פיהלען מענשליך. דער היינט וועט ווערען בעסער. אָבער אַזוי ווי בעקומען פערבעסערונגען פאר'ן היינט, קען מען נאָר דורך אָרגאניזאציע און קאמפּף, וועט זיך דערוויילע שאפען די אָרגאַניזירטע ארמעע, וואָס וועט פיהרען

די גרויסע מלחמה פאר דעם מאָרגען. גרויסע יוניאָנס, א מעכטיגע פארטיי, שטארקע קאָאָפּע־ראטיוון, א בעוואוסטזיניגער אַרבייטער, וואָס זיינע פאָדערונגען וואקסען — דאָס אלץ ווערט געשאַפען אין קאמפף פאר'ן היינט, אין קאמפף פאר האלבע רפואות אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט. דאָס זיינען אָבער די שארפע וואפען, וועלכע מיר שמידען פאר דעם מאָרגען, דאָס זיי־נען די וויכטיגע געצייג, מיט וועלכע מיר וועלען סוף כל סוף א נייע וועלט אויפבויען. אזוי איז אויך אונזער שטעלונג צו דער אידישער פראגע. אין גאנצען וועט דער אַנטיסעמיטיזם פערניכטעט ווערען ערשט אין דעם גרויסען מאָרגען. אָבער מיר קענען ניט אָפּלעגען אלץ אויף מאָרגען. מיר ווילען ווי ווייט מעגליך גרינגער מאכען די ליידען פון די אונטערדריקטע שוין היינט. וואָרום אויב די מאסען פון פערשיעדענע נאַציאָנען וועלען איצט ניט קעמפּפען געגען זייערע אַלגעמיינע בעדריקער, נאָר איינע געגען די אַנדערע, וועט דער היינט זיין א ביטערער, און עס וועט ניט זיין די פעראייניגטע אַרמעע, וואָס זאָל דעם ליכטיגען מאָרגען ברענגען. ווען מאסען רייסען זיך צווישען זיך, קענען די הערשער זיצען רוהיג און שמייכלען. מיר קעמ־פּפען שוין איצט מיט אלע כחות פאר פולע גלייכ־בערעכטיגונג אין די ראהמען פון דער היינטיגער וועלט. קיינער זאָל ניט אונטערדריקט ווערען צו־ליעב זיין רעליגיאָן, צוליעב זיין שפּראך, צוליעב זיין נאַציאָן. קיין שפּראך זאָל ניט אונטערדריקט

ווערען, קיין קולטור זאָל מיט גוואלד ניט אָפּגע־
מעקט ווערען פון דער וועלט. וואו גלייכבע־עכ־
טיגונג איז שוין דאָ, נאָר עס עקזיסטירען נאָך
פאָראורטהיילען געגען פרעמדע, ווענדען מיר אָן
אַלע קרעפטען, זיי אויסצואוואָרצלען פון די אר־
בייטער־מאסען. די הערשער ווייזען די אונצופריע־
דענע מאסען אָן אַ שעיר לעזאזל: דער איד איז
דער שונא! ער דארף זיין דער ציעל פאַר אייערע
פיילען. ניט געגען אונז! מיר זיינען אייגענע!
געגען דעם פרעמדען קעמפּפט! קומען צו געהן די
סאָציאַליסטען און זאָגען: דער פרעמדער ארביי־
טער איז דיין פריינד און מיטקעמפּפער; דער
אייגענער באָס איז דיין שונא. לאָז זיך ניט פער־
טומלען דעם מוח! זעה איין, וואו דער שונא איז!
דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פאַר נאַ־
ראָנים. מיר גיבען דיר דעם סאָציאַליזם פאַר קלוגע.
איהר פערשטעהט, וואָס מעהר סאָציאַליסטען עס
קומען צו, אַלץ וועניגער שפּייז פאַר דעם אַנטי־
סעמיטיזם. אַלץ מעהר בעקעמפּפער בעקומט דער
אַנטיסעמיטיזם. וואָס גרעסער די רויטע ארמעע,
אַלץ קלענער די שווארצע. דאָס קומט צוניץ שוין
איצט, פאַר דעם היינט. און דאָס שאפט די
פעראייניגטע, אינוועניג ניט צושפּאָלטענע ארמעע,
וואָס דארף קעמפּפען צו ברענגען פולע בעפרייאונג
פאַר דער גאנצער מענשהייט און פאַר אידען אויך.

— אָבער פאַקטען... וואו קעמפּפען די סאָציאַ־
ליסטען געגען אַנטיסעמיטיזם?

— ווען איך וואָלט אייך וועלען אויסרעכנען

אַלע פאקטען, ווען אוֹן וואו די סאָציאַליסטען האָ־
בען געקעמפּפט געגען אנטיסעמיטיזם, וואָלט איך
מיט אייך דארפען רעדען אַ טאָג מיט אַ נאכט.
איך וועל אָנכאפּען נאָר אַ פּאָר פאקטען, וואָס
דארפען נאָך ביי אייך אויך זיין פריש אין זכרון.
ווער טרעט ארויס אין דער רוסישער דומע שאר־
פער, ווי אַלע, געגען די שווארצע מעשים פון דער
רעגיערונג? די סאָציאַליסטען. ווער האָט אויס־
געגראָבען און אויפגעדעקט פאַר דער וועלט די פער־
שיעדענע צירקולֵיארען, אין וועלכע די רוסישע רע־
גיערונג העצט אויף די מאסען געגען אידען און
רופט ארויס פּאָגראָמען? ניט די כלל־ישראל דע־
פּוטאטען פרידמאן, באָמאש און ראבינאָוויטש, נאָר
די סאציאַליסטען טשכעאידזע, טשכענקעלי, סקאָ־
בעליעוו און קערענסקי? איהר הערט, דאָס זיינען
ניט קיין אידען. דאָס זיינען סאָציאַליסטען. און
בעת דאָ ניט לאנג האָבען די רוסישע ליבעראַלען
געשלאָגען בלאָט מיט דער רעגיערונג און צוריק־
גענומען אַן אָנפראגע וועגען דער פּאָגראָם־אגיטאַ־
ציע, וואָס אַ רוסישע מיניסטעריום האָט געפיהרט,
האָבען די אידישע דעפּוטאטען געשוויגען. זיי
זיינען געווען אין אָפּמאך מיט די רוסישע ליבע־
ראַלען, וואָס האָבען דעם מאָל אַזוי מיאוס פער־
ראטהען די אידישע אינטערעסען. פּראָטעסטירט
האָבען וויעדער אמאָל די סאָציאַליסטען. בעת עס
איז געווען דער בייליס־פּראָצעס, האָבען פופציג
טויזענד רוסישע ארבייטער סאָציאַליסטען גע־
סטרייקט אלס פּראָטעסט געגען דעם בלוט־בלבול.

איהר האָט אפשר געהערט ווי די פראנצויזישע סאָציאַליסטען האָבען דעם גרעסטען אַנטהייל גע־פּראָטעסט־בעוועגונג געגען דעם דרייפוס־פּראָצעס? דער אונשטערבליכער זשאָרעס האָט אָנגעפיהרט אַ פּראָטעסט־בעוועגונג געגען דעם ביילים־פּראָצעס. די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען שטענדיג גע־פיהרט אַ שטארקען קאמפּף געגען די דייטשע אנטיסעמיטען. נאָר צו וואָס געהן אזוי ווייט? דאָ אין די פעראייניגטע שטאאַטען גופא קענט איהר אויך געפינען אַ ביישפּיעל, א פאקט, וואָס איז געשעהן ערשט נעכטען. ווער האָט געשטעלט אין קאָנגרעס די פראגע וועגען דער אידישער רעכטלאָזיגקייט אין רוסלאנד, ווער האָט אָפען פאר דער גאנצער וועלט געשטעלט די פאָדערונג, אז די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאַטען זאָל בעת די שלום־אונטערהאנדלונגען פאָדערען גלייכע רעכט פאַר אידען אין די מלחמה־לענדער? דאָס האָבען ניט געטהאָן די כלל־ישראל אידען, וואָס געפינען זיך אין קאָנגרעס. דאָס האָט געטהאָן דער איינציגער טאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, גע־נאָסע מאיר לאָנדאָן. און ווער איז געגאנגען צום פּרעזידענט ווילסאָן מיט אַ רעזאָלוציע, אין וועל־כער עס איז וויעדער פּאַראַן אַ פּונקט, אַז אַמעריקא דאַרף זיך איינשטעלען פאר די אידען פון מזרח־אייראָפּא און פאָדערען פאר זיי גלייכע רעכט? דאָס זיינען געוועזען צוויי פיהרער פון דער סאָציאַ־ליסטישער פארטיי דאָ אין לאנד. גענאָסע מאָריס הילקוויט (אַ מענש, וועלכער איז גוט בעקאנט די

אידישע ארבייטער, ווייל ער נעהמט א גרויסען אנטהייל אין זייער קאמפף) און גענאָסע מאורער, א בעוואוסטער יוניאָן־פיהרער. הילקוויט איז א איד. מאורער — א קריסט. אָבער ביידע זיינען סאָציאַליסטען. און געשיקט האָט זיי די סאָציאַ־ליסטישע פארטיי. קען נאָך ביי אייך זיין א ספק, אַז די סאָציאַליסטען זיינען די אמת'ע קעמפפער פאַר אידישע רעכט, און א אידישער מאסען־מענש איז מחויב צו שטימען פאַר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט?

.3

אַ סאָציאַליסט אָדער אַ קהלס־מאַן?

— און ווי זאָל איך טהאָן, ווען עס מאכט זיך כדומה למשל, אַזאַ מין מעשה? ביי אונז אין דיסטריקט לויפען צוויי קאנדידאטען. איינער איז פון אייערע — א סאָציאַיליסט. דער אנדערער איז א שעהנער איד, א גבאי אין שוהל, א מאַכער אין אַלע חברות, אין אַלע סאָסייעטים. איהר גע־פינט איהם אומעטום; מיט אַלעמען א גוטער ברו־דער. מאכט זיך עפּעס ביי אידען א צרה, איז ער פון די ערשטע. היינט קען דאָס מיט אַלעמען אויסקומען. מיט רבנים — אַ פרומער איד; מיט היינטיגע — אין גאנצען פּראָגרעס. מיט ציוניסטען — א ציוניסט. מיט יאהודים — אַן אמת'ער יענקי. א כל וכל ביי די באָסעם און מיט די ארבייטער אויף פּאני בראט. הכלל — צו גאָט און צו לייטען.

נו, ווי טהוט מען, פאר ווען פון די ביידע זאָל איך אָפּגעבען מיין שטימע? פאר דעם סאָציאַליסט אָדער פאָר דעם אידישען כלל־טהוער?

— נו, און ווי איז ער אין הלכות פּאָליטיק? מיט וועמען שטעהט ער? פאר וועמען האלט ער?

— ווער וויים איהם? ער זאָגט אלעמען צו אל־דאָס־גוטס. אז מען זאָגט אַ גוטער מענש, איז דאָך ניט שייך...

— אָבער צו וועלכער פּארטיי געהערט ער?

— צו וועלכער פארטיי? זעהט איהר, דאָס איז שוין ניט אזוי לייכט צו זאָגען. דעם יאָהר איז ער אַ דעמאָקראט. מיט יאָהרען צוריק איז ער געווען אַ רעפּובליקאנער. צווישען איז ער אַ שטיקעל צייט געווען ניט דאָס און ניט יענעס. און וועלען וואָלט ער, דוכט זיך, געוואָלט זיין ביידע זאכען.

— איך פערשטעה ניט גוט, וואָס איהר פרעגט. ווען עס זאָל קומען צו אייך אַ קריסט אַ דעמאָ־קראט אָדער אַ רעפּובליקאנער, זיך שטעלען געגען אַ סאָציאַליסט און פאָדערען אייער שטימע, וואָס וואָלט איהר געטהאָן? ווער וואָלט ביי אייך געווען בילכער?

— דער סאָציאַליסט. איך בין דאָך עפּעס, ווי איהר רופט עס, פון דער מאסע. איז ער דאָך אונזערער, מיינער אויך.

— טו וואָס איז אייך איצט מיט אמאָל גע־וואָרען קשה?

— הערסט, דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס ער

איז ניט קיין קריסט. ער איז דאָך אַ איד און נאָך וואָס פאַר אַ איד!

— אַ איד... און אַז אַ איד וועט העלפען איינ־פיהרען פריפּערעדנעס, אַ קאַזאַרמע מיין איך, וועט איך זיין לייכטער? און אַז אַ איד וועט העלפען די גרויסע טראַסטען רייסען ביי איך הויכע פּרייזען פאַר לעבענס־מיטעל, וועט דער יקרות איך אויס־זעהן, ווי אַ זול? אַז אַ אידישער קאָנגרעסמאַן וועט העלפען דורכפיהרען אַזעלכע געזעצען, וואָס וועלען מאַכען דעם רייכען נאָך רייכער און דעם אַרבייטער נאָך געדריקטער, ווי ער איז, וועט דער־פון אייער לעבען ווערען אַ גן־עדן? אַ נפקה מינה איך, ווער עס זיצט אויף אייך רייטענדיג, אַ איד, צו אַ קריסט? אַ נפקה מינה ווער עס דיענט דעם גאָלדענעם קאַלב? גאָלד ווייס ניט קיין רב און קיין גלח.

— אָבער ווי קען מען דאָס זאָגען? פּאָרט אַ איד, פון איין פאָלק. כל ישראל חברים.

— כל ישראל חברים. הייסט עס, אַז די גור־גענהיימס מיט די זעליגמאַנס זיינען אייערע חברים. און אַז איך פעהלט אויס צו בעצאָהלען רענט, געהט איהר באַפּען אַ גמילת־חסד ביי אייער חבר ר׳ יעקב שיף. ווער רעדט נאָך, אייער באָס, ער איז דאָך געוויס אייערער אַ חבר. און אַז איהר ווילט אַ הוספה, געהט איהר צו איהם פּשוט צו און זאָגט: ביזט אַ איד, מיינער אַ חבר, וויל איך, זאָלסט מיר העכערען אַזוי זיך אַ פינף דאָלאַר די וואָך. און ער ענטפערט אייך מיט אַ גוטמו־

טהינגען שמייכעל: גוט, חבר מיינער. אַן איטאַ־ליענער וואָלט איך ניט געהעכערט. אַ פּאָליאַק אודאי ניט. אָבער אַ אידען — מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

— אַ קונץ איז צו לאַכען? איהר ווייסט — האַנדעלשאַפט איז ניט ברידערשאַפט.

— און פּאָליטיק איז אויך ניט ברידערשאַפט. וואָרום די גאַנצע פּאָליטיק איז סוף כל סוף האַנ־דעלשאַפט, אינטערעסען. אייער באָס למשל וואָלט געוואָלט אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל פערוועהרען כטרייקען, בינדען די יוניאָנס, וואָס זאָל ערלויבען צו אַרבייטען טאָג און נאַכט, יום טוב און וואָך, ער־לויבען זעצען קליינע קינדער צו דער אַרבייט. איהר ווילט אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל פערבאָטען נאַכט־אַרבייט, פערבאָטען קינדער־אַרבייט, געבען פולע פרייהייט די יוניאָנס, איינפיהרען, אַז מעהר ווי אַכט שעה זאָל קיינער ניט אַרבייטען. וואָס איז דאָס, אויב ניט האַנדעלשאַפט? די געלד־מאַגנאַ־טען וואָלטען וועלען אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו העכערען די פּרייזען אויף אַלע פּראָדוקטען, וויפיעל זייער האַרץ געלוסט. די אַרבייטער ווילען אַ פּאָליטיק, ביי וועלכער די שטאָדט זאָל בעשטימען פּרייזען אויף די נויטיג־סטע פּראָדוקטען, פעסטע פּרייזען, וואָס טהייערער זאָל קיינער ניט טאָרען נעהמען. אום וואָס געהט דאָ, אויב ניט אום האַנדעלשאַפט? די סאָציאַליסטען פאָדערען, אַז די קארס, די עלעקטרי, גאַז און ד. גל. זאָלען געהערען צו דער שטאָדט; די שטאָדט זאָל

עס אויסנוצען ניט צו מאכען פראָפיט נאָר צום וואָהל און בעסטען פון די איינוואוינער, אזוי אז עס זאָל קאָסטען ביליגער, און די אַרבייטער, וואָס זיינען ביי דעם בעשעפטיגט, זאָלען בעסער בעהאנדעלט ווערען. דאָס זעלבע מיט די אייזענ־באהנען. זיי זאָלען אויך געהערען צום שטאַאט, ניט צו פריוואטע קאָמפּאניעס. די קאָמפּאניעס ווילען אזא פּאָליטיק דורכאוים ניט. האָט איהר וויעדער האנדעלשאפט. אז איהר וועט זיך גוט צוקוקען, וועט איהר זעהן, אז אפילו וואו די פּאָ־ליטיק בעריהרט אַזוינע הויכע ווערטער, ווי פּאט־ריאָטיזם, קולטור, ווערדע פון דער נאַציאָן א. ד. גל., איז מען סוף כל סוף אויך אויסען האנדעלשאפט, אינטערעסען.

פּאָליטיק איז ניט ברידערשאַפט. און דער אידישער גביר איז מיט דעם אידישען ארבייטער ניט קיין חבר אין פּאָליטיק. דער אידישער גביר וויל די זעלביגע פּאָליטיק, ווי די גבירים פון אַנ־דערע נאַציאָנען. דער אידישער ארבייטער דאַרף פיהרען די זעלביגע פּאָליטיק, וואָס די ניט־אידישע ארבייטער, ווייל ער האָבען איין ציעל מיט איהם און איין וועג. ווען ביי אייך אין שאפּ ארבייטען אידען און איטאַליענער און עס קומט אַ סטרייק, מיט וועמען האלטען די אידישע ארבייטער, מיט די איטאַליענישע ארבייטער אָדער מיט דעם אי־דישען בעל הבית? אין שאפּ געהט אָן אַ קאמפּף צווישען איין בעל־הבית מיט זיינע ארבייטער. אמאָל איז דער קאַמפּף ברייטער—צווישען די אַר־

בייטער פון אַ טרייד מיט די בעלי בתים פון דעם זעלביגען טרייד. אין פּאָליטיק קומט פאָר אַ קאמפּף צווישען דעם גאנצען קלאס ארבייטער מיט דעם גאנצען קלאַס בעלי הבתים. און ווי מיינט איהר, צו וועלכען קלאס געהערט איהר? צו דעם קלאס פון אַלע ארבייטער אין לאַנד, אידען און ניט־אידען, אָדער צו דעם קלאס פון די גוגענ־היימס, שיפס און אַנדערע אידישע גבירים?

— אָבער אַ אידען וועלען דאָך אידישע צרות ניט לאָזען רוהען; ער וועט געפינען שטארקערע ווערטער, ער וועט אָפּגעבען מעהר כחות צו פער־טהיידיגען זיין פאָלק.

— ערשטענס, וועהלט איהר אַ קאָנגרעסמאַן ניט בלויז צוליעב אייערע אידישע צרות; איהר וועהלט איהם דער עיקר צוליעב אייערע מענשליכע צרות, צוליעב אייערע ארבייטער־צרות. און דאָס האָט איהר דאָך אַליין געזאָגט, אז דערצו איז אַ סאָציאַליסט בעסער, ווי אַנדערע. און וואָס איז שייך צו אידישע צרות, איז אויך ניט אמת, אַז דער גביר און דער אָרימאַן ליידען פון זיי גלייך. דאָ אין אמעריקא, למשל, וואו דער אנטיסעמיטיזם האָט קיין אָרט ניט אין געזעץ, און ער איז פער־בליבען נאָר אין דער געזעלשאפט, ווי מיינט איהר, ווער פיהלט מעהרער, וועמען גיט מען מעהרער צו פיהלען זיין אידישקייט, אייך צו שיפ׳ען, מיר צו זעליגמאנען? זעהר אָפט קומט די אידישע מאַסען אויס צו ליידען צוליעב די אידישע גבירים. צו־ליעב זיי קוקט מען קרום אויף דאָס גאַנצע אידישע

פּאָלק. מיר און אייך איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. אָבער מיר זיינען שיפ׳ס „ברידער“, מען וואַרפט אויף אונז זייערע חטאים. מען זאָגט ניט: דער גביר איז אַ בלוטזויגער. מען זאָגט: דער איד איז אַ בלוטזויגער. מיר זיינען אָפט גרויס אין די אויגען צוליעב אונזערע מיליאָנערען. מיר פיהלען דאָס שטאַרקער. אונז קען מען עס געבען צו פיהלען. זיי פיהלען עס אַ סך וועניגער. זייער געלד לייטערט זיי, גיט זיי חן אין די אויגען פון שונאים אפילו; מיט זיי קען מען זיך ניט אָפּרעכענען, רע־כענט מען זיך אָפּ מיט אונז. דאָס איז אין די לענדער, וואו אידען האָבען גלייכע רעכט. אין רוסלאַנד האָבען די אידישע גבירים אויך גענוג איבערצוטראָגען פון כל המינים בעגרענצונגען. אָבער אַ סך וועניגער, ווי די אידישע מאסע. דער גביר קען זיך קויפען רעכט. ער קויפט אַ גילדיע און מעג וואוינען אומעטום. מיט בילדונג פאַר זיין קינד גיט ער זיך אויך ווי עס איז אַן עצה. אַז מען שמירט, פאָהרט מען. מאַכט זיך אַ פּאָ־גראָם, קען ער אוועקפאָהרען, קען ער דינגען סטראַזשניקעס צו היטען זיין האָב און גוטס. פון אַ פּאָגראָם האָבען שטענדיג די מאסען געליטען מעהר, ווי די גבירים. דער אידישער גביר, בעת ער קעמפּפט פאַר אידישע רעכט, טהוט ער דאָס פאַרזיכטיג, שרעקעדיג; ער וויל מיט קיינעם ניט איינרייסען; ער וויל אַלץ נעהמען פּאמעלאַכען, שטיקלעך־ווייז, אויסבעטען, דורכ׳ן הינטער טיהר. פאַר אַן אמת׳ען, ניט קיין פּאַפּירענעם קאַמפּף,

האָט ער מורא. ער קעמפּפט ניט. ער האנדעלט. און אַזוי ווי ער אַליין ליידט ווענינער, איז איהם די גאַנצע זאַך ניט אַזוי דרינגענד. ער האָט צייט צו ווארטען. און ווייל ער אַליין ליידט ווענינער, דוכט זיך איהם אַלץ, אַז ער טהוט עס ניט צוליעב זיך נאָר צוליעב זיינע „אָרימע ברידער“, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ מין צדקה, אַ טובה; און איבער צדקה, איבער אַ טובה, איז ער בעל־הבית, דאַרף ער ביי קיינעם קיין דעה ניט פרעגען, מעג ער טהאָן וואָס ער וויל און ווי ער וויל. אַזוי די גבירים אַליין, אַזוי זייערע פּאָליטישע שלוחים, די שתדלנים, וואָס טהוען זייער ווילען. דעם אמת'ען קאַמפּף פאַר אידישע רעכט האָבען כמעט אין גאַנצען אויסגעטראָגען אויף זייערע פּלייצעס די אידישע מאַסען מיט זייערע פּאָליטישע פאָרשטעהער. און די גרעסטע הילף האָבען זיי געפונען ניט ביי די אידישע גבירים, נאָר ביי די ניט־אידישע אָרגאַניזירטע ארבייטער. איך האָב איך שוין דערצעהלט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען טשכעאידזע, טשעכענקעלי און סקאָבעליעוו, דער פאָרשטעהער פון די האלב־סאָציאַליסטישע פּויערים, קערענסקי, האָבען אין דער דומע אַ סך אָפטער און אַ סך שאַרפער געקעמפּפט געגען דעם אַנטיסעמיטיזם, ווי די אידישע בעלי הבתישע דעפּוטאַטען באָמאַש, פרידמאַן און ראַבינאָוויטש. די סאָציאַליסטען רעדען מיט'ן פולען מויל, געהען ניט אויף קיינע פשרות; די אידישע דעפּוטאַטען האָבען מורא איינצורייסען מיט דער רעגיערונג, זיי ווילען זיך ניט קריעגען

מיט די רוסישע ליבעראַלען, און דארום רעדען זיי האַלבע ווערטער. אפילו געגען די אידישע צרות, געגען דער אנטיסעמיטישער העצע, געגען פּאָגראָמען און רדיפות קעמפּפען די ניט־אידישע סאָציאַליסטען א סך העפטיגער, מיט מעהר מוטה און אימפּעט, ווי די בעלי־בתישע אידען. ווייל זיי זיינען פּאַרשטעהער פון די געדריקטע מאסען, וועלכע קענען פערלירען נאַר זייערע קייטען און קענען געווינען א גאַנצע וועלט, פּאַרשטעהער פון די געדריקטע מאסען, וועלכע זיינען בלוטיג פּערינטערעסירט, אז די וועלט זאָל פּטור ווערען פון יעדען דרוק, פון יעדער ניט גלייכהייט, פון יעדער רעכטלאָזיגקייט; ווייל זיי וויסען פון דער ביטערער ערפאהרונג, אז מען קען קיין זאַך ניט אויסבעטען מיט גוטען, און יעדער שריט פּאָרווערטס קאָסט שווערען קאמפּף. יא, אפילו צו קעמפּפען געגען אידישע צרות איז א ניט־אידישער סאָציאַליסט פיעל בעסער, ווי א אידישער בעל־הבית. ווער רעדט נאָך א אידישער סאָציאַליסט, וועלכער קען די אידישע נויטען נעהנטער. ער קען אייך צופריעדענשטעלען סיי אַלס אַרבייטער, סיי אַלס איד.

— אָבער דער שעהנער איד, וועגען וועלכען איך האָב מיט אייך פריהער גערעדט, איז א ציוניסט...

— טאָ איז וואָס? איהר ווילט איהם שיקען אין א ירושלים׳ער קאָנגרעס צו אין א וואשינגטאָנער? אָדער מיינט איהר אפשר, אז מען קען

אין אמעריקאנער קאָנגרעס בעקומען א לאנד פאַר אידען ?

— ניין, ניט דאָס. אָבער א ציוניסט וועט זיך בעסער מיהען פאַר די היגע אידען אויך.

— פונקט קאפויר. דער ציוניסט מיינט דאָך, אז אונזער אמת׳ע דירה איז פאלעסטינא. דאָ זיינען מיר נאָר דורכפאָהרער, נאָר אויף א ווייל, נאָר אין אַן אכסניא. פון דער אכסניא דארף מען וואָס גיכער פטור ווערען. מען מוז וואָס גיכער אריבערקלייבען זיך אין דער אייגענער היים. וועט ער ניט ווילענדיג ווענדען גאָר זיין אויפמערקזאמ־קייט, אוועקגעבען גאָר זיינע קרעפטען פאַר ציון. ביי די סאָציאַליסטען זיינען וויכטיג די לענדער, וואו אידען וואוינען, אַלע לענדער, וואו זיי וואוי־נען; ניטאָ קיין בילכער, ניטאָ קיין אויסערוועהל־טע לאנד, ניטאָ „אונזער“ לאנד. וועלען זיי ממילא אָפּגעבען אַלע קרעפטען צו פערבעסערען די לאגע דאָ אויף אַן אָרט. און איך וועל אייך זאָגען א סוד: דער אמת׳ער ציוניסט מוז פיהלען אפילו א ווידערווילען צו דעם היינטיגען אידען, צו דעם גלות־אידען, ווי זיי רופען איהם. ער האָט ליעב דעם אידען, וואָס האָט געלעבט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, און דעם אידען, וואָס וועט לעבען שפּעטער אין אַן אייגענער אידישער מלוכה. דער היינטיגער איד איז פאַר איהם וויכטיג נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער קען ווערען טייג, פון וועלכען די ציוניסטען וועלען אויסקנעטען דעם אידען, וואָס זיי ווילען. אָבער חוץ דעם פיהלט

ער אַ ווידערווילען צו דעם אידען פון היינט, צו זיין שפּראַך, צו זיין קולטור. ניין, אין וואשינג־טאָנער קאָנגרעס איז ציוניזם קיין מעלה ניט.

— אָבער ער איז אַ מאַכער אין אַלע חברות, אויסגעקנעפּעלט מיט אַלעמען, קלאַפּט אַלעמען איבער'ן פּלייצע, איז גרייט טהאָן אַלעמען טובות.

— איהר האָט עס שוין מיר איינמאָל געזאָגט. און ווייסט איהר, וואָס איך האָב דערביי גע־קלעהרט? אַז אייער שעהנער איד איז פּשוט אַ פּאָליטישען, וואָס שמייכעלט צו אַלעמען, ווייל ער וויל זיי אַלעמען איינשפּאַנען, זיי זאָלען שלעפּען זיין רייטוואָגען. ער זאָגט צו אַלעמען טובות, ווייל ער וויל אַ טובה פון אַלעמען. צוזאָגען און ליעב האָבען קאָסט קיין געלד ניט. אָבער אַז עס וועט קומען צו האַלטען וואָרט, וועט ער שטעהן מיט די רייכע, מיט די שטאַרקע.

איך קען אזעלכע מענשען. זיין גוט אי מיט די ארבייטער, אי מיט די באָסעס איז דאָך אונ־מעגליך. דאָס זיינען דאָך צוויי פיינדליכע לאַ־גערען, און מען קען דאָך ניט זיין אי מיט די דייטשען, אי מיט די פראַנצויזען. מעהר נישט, וואָס די דאָזיגע לייט האָבען ליעב צו טאַנצען אויף אַלע חתונות, כדי אומעטום צו בעקומען אַ חלק. וואו מען זעעט איהם ניט, דאָרטען וואַקסט ער. וואו נאָר אַ חברה, איז ער גבאי. אָבער אומעטום ארבייטען קען מען דאָך ניט, ארבייט מען אין ערגעץ ניט. די ארבייט טהוען אַנדערע; זיך נעהמט ער נאָר דעם כבוד, דעם קרעדיט. און

דאָס קומט צוניץ. מען קריגט א נאָמען, און א נאָמען איז געלד, א נאָמען איז מאכט. אז מען דארף, חנפ'עט מען די מאסען, ווערט מען הייזעריג שרייענדיג: דעמאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע! און אינעווענינג אין די סאָסייעטים און אָרדענס, וואו מען איז באַס, לאָזט מען קיינעם צום וואָרט ניט קומען, הערשעוועט מען, ווי א קליינער קייזער. אַזאַ איינער בינדט זיך צו צו יעדער פּאָפּולערער אידעע, צו יעדען וואָרט, וואָס פערכאַפּט אין א געוויסען מאָמענט גרעסערע מאַסען, ווייל דאָס קען ווערען א ווינד צו דרעהען זיינע רעדער. און אז איהם לוינט, איז ער אַ בריה צו פערקירעווען אויף צוריק אויך. ער וועט שרייען קולות: אַ אידישער קאָנגרעס! און וועט שטילערהייט געבען די האַנד צו די געגנער פון קאָנגרעס. אַזאַ איינער רעדט שטענדיג אין נאָמען פון אַלע סאָסייעטיס, אין וועלכע ער איז אַ גבאי, הגם ער האָט ביי קיינעם אפּריהער ניט געפרעגט. ער וועט אייך פערזיכע־רען: מיין אָרדען איז פאַר ציון! מיין אָרדען איז פאַר מאַרשאל'ען, פאר דער דזשואיש קאָמיטע! וואָרום איהר קענט ביי איהם פועל'ען, אז ער זאָל זיין היינט אַ ציוניסט, מאָרגען אַ יאהודי, איבער־מאָרגען ביידע צוזאמען. און יעדען מאָל וועט ער ניט זאָגען: איך. ער וועט זאָגען: מיין אָרדען! אזוי פיעל און אַזוי פיעל צעהנדלינגע טויזענדער מיטגליעדער! און פרעגט זיין אָרדען בחרם, פרעגט די צעהנדלינגע טויזענדע מיטגליעדער בחרם, וואָס זייער גבאי רעדט און טהוט אין זייער נאָמען.

אָסור, אויב זיי ווייסען! דאָס איז אַ כל בו, וואָס וויל זיך ווייזען פאר אַלץ און איז גאָר נישט. דאָס איז אַ אידישער פּאָליטישען, אַ גלגול פון דעם אַלטען קהל'ס מאן אין רוסלאנד און גאַליציען. אויב איהר ווילט, איז בעסער אַן אָפּענער געגנער, איידער אַזאַ כל־בו, וואָס מאכט אויגלעך צו אַלע־מען. מיט דעם ערשטען ווייסט איהר כאָטש, וואו איהר האַלט אין דער וועלט. דער צווייטער וויל אַלעמען געווינען און אַלעמען אָפּנארען. ניין, אייער שעהנער איד, אייער קהל'ס־מאן, אייער כל־בו טויג לחלוטין ניט.

.4

ארויסגעוואָרפענע שטימען.

— איין זאך קען איך בשום אופן ניט פערשטעהן. אַז איך שטים פאר אַ סאָציאַליסט, וואָס לויפט אין קאָנגרעס, אין אסעמבלי אָדער אין באָארד אָוו אַלדערמען, איז פאראן אַ האָפנונג, ער זאָל אויסגעוועהלט ווערען, עס זאָל פון מיין שטימע עפּעס אַרויסקומען. איז ניט דעם מאָל, איז אין צוויי יאָהר אַרום, אין פיער יאָהר אַרום. אָבער אַז איך גיב אָפּ מיין שטימע פאַר אַ סאָציאַליסט, וואָס לויפט פאַר פּרעזידענט אָדער וויים־פּרעזידענט, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? ער וועט דאָך ניט ערוועהלט ווערען, ניט איצט, ניט אין צעהן יאָהר ארום. ער האָט דאָך קיינע האָפנונגען ניט. אַז איך שטים פאַר דעם קאַנדידאַט פון די

העמאָקראטען אָדער פאר דעם קאנדיאט פון די רעפּובליקאנער, געהט מיין שטימע ניט פערפאלען; איינער פון זיי וועט דאָך ערוועהלט ווערען. ווען איך וואוט אָבער פאר אייער קאנדידאט, וואָס האָט קיינע האָפנונגען ניט, נעהם איך דאָך מיין שטימע און ווארף זי ארויס. צו וואָס זאָל איך עס טהאָן?

— איך האָב אייך שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז סיי די דעמאָקראטען, סיי די רעפּובליקאנער זיינען ניט אייערע שלוחים; זיי זיינען די שלוחים פון די גבירים, פון די שטארקע; זייער פּאָליטיק פיהרען זיי; **ניט אייערע. און ווען איהר** גיי אייער שטימע פאר זייערע קאנדידאטען, איז ניט נאָר וואָס איהר ווארפט ארויס אייער שטימע. איהר טהוט נאָך אַן ערגערע זאך. ארויסווארפען וואָלט הייסען, קיינער זאָל פון איהר קיין נוצען ניט האָבען, ניט איהר און ניט אייער געגנער. איהר נעהמט אָבער אייער שטימע און גיט זי אָפּ אייערע שונאים. איהר גיט זיי אַליין צו מעהר מאכט. דאָס איז נאָך ערגער, ווי אַרויסגעוואָרפען.

— אָבער זייערע קאנדידאטען זיינען דאָך אויך ניט קיין גלייכע. פאראנען בעסערע מענשען און ערגערע, פעהיגערע און טעמפּערע, ליבעראַלע און רעאַקציאָנערען. אַז איך גיב אָפּ מיין שטימע פאַר דעם סאָציאַליסט, העלף איך אפשר דעם ערגערען קאנדידאט. איז ניט בעסער צו שטימען לכתחילה פאר דעם בעסערען, כדי אריבערצואווענען די וואָגשאָל אויף זיין זייט?

— אייער טעות בעשטעהט אין דעם, וואָס

איהר מיינט, אז דאָ שפּיעלט באמת א ראָליע די פערזענליכקייט פון דעם קאנדידאט. געוויס, בעת מען וויל ארייננכאפּען דעם וועהלער אין נעץ, זוכט מען מענשען מיט נעמען, מענשען, וואָס זאָלען קענען צוציהען דעם גרויסען עולם. אָבער אז עס קומט צו טהאָן, צו אמת'ע פּאָליטיק, טהוט דער פּרעזידענט שטענדיג דעם ווילען פון די רייכע, פון די שטארקע. ווי זיי זינגען, אזוי טאַנצט ער. ווייל זייער מאשין האָט איהם ארויסגעשטעלט, זייערע פּאָליטישענס האָבען איהם דורכגעפיהרט, זייערע קאָרפּאָריישאָנס האָבען געגעבען געלד אויף זיין קעמפּיין, ווייל ער איז בכלל זייערער, אייגען פלייש און בלוט. און אויב צווישען די גבירים מאכט זיך א סכסוך, אויב איין גרופּע שטארקע וויל אזוי, און די אַנדער גרופּע אַנדערש, טהוט ער דעם ווילען פון די שטארקערע, אָדער ער זוכט צו מאכען צווישען זיי א פּשרה. צווישען די רעפּובּ־ליקאנער און די דעמאָקראטען איז איצט כמעט קיין שום חלוק ניטאָ. מען רייסט זיך נאָר דער־פאר, ווער עס זאָל שטעהן ביים קאָריטע, ווער עס זאָל פערנעהמען די דזשאבס, איין גרופּע פּאָליטי־שענס אָדער די אַנדערע. אָבער אי די, אי יענע דיענען סוף כל סוף איין בעל הבית — דעם געלד־זאַק.

— איך האָב טאקע ניט לאנג געזעהן א קאַר־טון. איז דאָרטען געווען אויסגעמאָלט, ווי די צוויי קאנדידאטען, דער רעפּובּליקאַנער און דער דעמאָקראט, שטעהען איינער נעגען דעם אַנדערען

און פייטען. און הינטער זיי שטעהט א דיקער גביר מיט א גראָבען בויך און האַלט זיך פאַר די זייטען פון געלעכטער. אונטען איז געווען אונ־טערגעשריעבען: — שלאָגט זיך, קינדערלעך! ווער פון אייך עס זאָל ניט זיעגען — דער אמת'ער זיעגער וועל איך זיין!

— זעהט איהר! אזוי איז דאָך דאָס טאקע! אָט האָט ווילסאָן למשל צוגעזאָגט צו קעמפפען געגען די טראָסטס. האָט ער עס געטהאָן? חלילה, ער איז געווען זייער ווערקצייג. אָט האָט ער פריהער גערעדט וועגען שלום. און דאָך האָט ער איצטער דורכגעפיהרט דורכ'ן קאָנגרעס, אַז די פע־דעראַלע רעגיערונג זאָל דעם יאָהר אויסגעבען 685 מיליאָן דאָלאר אויף דער ארמעע און אויף דער נייווי (פלאָט) 685 מיליאָן דאָלאר — דאָס איז א סומע, וואָס קיין לאַנד האָט קיין מאָל אין צייט פון פריעדען ניט אויסגעגעבען אויף מיליטערישע צוועקען. 685 מיליאָן דאָלאר — דאָס מאכט אין דורכשניט אויף יעדען איינוואוינער פון די פער־איינינגטע שטאַאטען — אויף אַ קינד אין וויעג און אויף אַן אלטען מאן אויפ'ן טויטען־בעט — העכער 6 דאָלאר. אויף אַ פאמיליע פון 5 פערזאָן מאכט עס העכער 30 דאָלאר דעם יאָהר. און מען וועט עס שוין ביי אייך אויפמאָהנען; איהר וועט עס איינצאָהלען דירעקט דורך טעקסעס אָדער אינדי־רעקט דורך העכערע פרייזען אויף פראָדוקטען. אָבער איינצאָהלען וועט איהר עס. און דער זעל־בער פרעזידענט פון שלום האָט שטילערהייט דורכ־

געפיהרט אזא מין אָנמערקונג צום געזעץ, וואָס גיט איהם אַ רעכט צו נעהמען אין צייט פון קריעג יעדען מאנזביל פון לאנד פון 18 ביז 45 יאָהר און צווינגען איהם אריין אין מיליץ. דאָס איז דאָך שוין געצוואונגענע מיליטער־דיענסט. דער זעלביגער מלאך פון שלום האָט אוֹנז שיער ניט אריינגעצויגען אין אַ מלחמה מיט דייטשלאנד. מיט מעקסיקאָ איז צו קיין מלחמה ניט געקומען, ניט ווייל ווילסאָן איז געווען אזוי גוט, נאָר ווייל אַ טהייל פון די רייכע האָבען עס אויך ניט געוואָלט, ווייל די ברייטע מאסען זיינען געווען געגען קריעג, און פאר אַ קעמפּיין קען מען מיט די מאסען ניט איינרייסען, ווייל מען איז בכלל ניט געווען גוט צוגעגרייט צו אַ קריעג. ביי אַזאַ לאגע וואָלט אפילו רוזוועלט אויך סוף כל סוף געמאכט אַ פריד־ליכע מינע. אונזער פּראָגרעסיווער ווילסאָן האָט איבערגענומען רוזוועלט'ס קאָלעקאָטקע: די קולות וועגען די ניט עכטע אַמעריקאנער, די געפּאַס־קטע (הייפענייטעד): אַמעריקאנער דייטשען, אַמערי־קאַנער איטאַליענער און ד. גל. און ער האָט עס געמאכט פאַר זיין אַני־מאמין. ווייל עס זיינען פאַראַן שטאַרקע, וואָס זיי געפעלט עס, וואָס זיי דארפען עס האָבען.

— אָבער די עקאָנאָמישע לאגע פון די מאסען איז איצטער בעסער. מיר האָבען דאָך עפּעס אַן אויפבליהונג, דאָס לאנד וואקסט, שמידט גאָלד. זוי רופט מען עס — פּראָספּעריטי.

— דער גאָלדענער רעגען גיסט זיך אויף אַמע־

ריקע פון אייראָפּא, פון דער וועלט־מלחמה. דער גאָלדענער רעגען דאָ איז פערבונדען מיט'ן בלוטיגען מבול דאָרטען. אזא מין פּראָספּעריטי וואָלט געוועזן מעגליך פאר טעפּט'ען אזוי גוט, ווי פאר ווילסאָנ'ען. זי וואָלט געוועזן מעגליך פאר רוזוועלט'ען, פאר יוהז'ען, פאר וועמען איהר ווילט. און זאָל זיך דער וועלט־קריעג ענדיגען, וועט זיין א סוף צו דעם גאָלדענעם רעגען, און קיינער יועט דערצו ניט קענען העלפען, ניט די דעמאָקראַטען, ניט די רעפּובליקאנער. די פּאָליטישע פּארטייען בעשאפען ניט דעם עקאָנאָמישען צושטאנד, פּונקט ווי דער לוח בעשאפט ניט די וועטערען. און איצטער בעת דער פּראָספּעריטי, וואָס זעהען מיר? די גבירים שמיעדען גאָלד, און די ארבייטער ווארפט מען צו ברעקלעך. דער פּראָפיט פון די בעלי־הבתים איז געוואקסען א סך העכער, ווי דער לוין פון די ארבייטער. און צוזאמען מיט'ן לוין איז געוואקסען דער יקרות. מען בעקומט מעהר, דארף מען צאָהלען טהייערער פאר רענט, פאר לעבענס־מיטלען. זעהר אָפט וואקסט דער יקרות גיכער, ווי דער לוין. און ניט די רעפּובליקאנער, ניט די דעמאָקראַטען האָבען עפּעס געטהאָן צו קעמפּפען געגען יקרות.

— אָבער אָט איז דורכגעגאנגען א געזעץ, וואָס פיהרט איין אכט שעה ארבייט פאר די אייזענבאהנער, א געזעץ, וואָס פערבאָט קינדער־ארבייט. דאָס האָט דאָך דורכגעפיהרט ווילסאָן.

— ערשטענס די געזעצען גופא. יעדער געזעץ האָט אין זיך עפּעס א בעמערקונג, א קונץ, וואָס

מאכט צו נישט דעם געזעץ אין גאַנצען אָדער העכער העלפט. מען האָט פערבאָטען קינדער־ארבייט, זאָגט איהר? ניט אין גאַנצען אַזוי. לויט דעם נייעם געזעץ, טאָר מען ניט אריבערפיהרען פון איין שטאַאט אין דעם אַנדערען אַזעלכע פּראָדוקטען, וואָס ווערען אויסגעארבייט דורך קינדער אינגער פון 14 יאָהר אין פאבריקען און אינגער פון 16 יאָהר אין מיינס. אָבער פּראָדוקטען, וואָס ווערען ניט ארויסגעפיהרט, וואָס בלייבען אינעווייניג אין שטאַאט גופא, מעגען יא געארבייט ווערען פון קינדער. איז דאָס נאָך קנאַפּ. פאראַנען אַן אָנ־מערקונג, וועלכע זאָגט, אז פּראָדוקטען, וואָס ווערען אויסגעארבייט פון קינדער, טאָרען ניט ארויסגע־פיהרט ווערען פון איין שטאַאט אין דעם אַנדערען אין משך פון די ערשטע 30 טעג נאָכדעם, ווי זיי זיינען פערטיג געוואָרען. שפּעטער מעג מען זיי יא ארויספירען. הייסט עס, אז אין סאַוט למשל וועלען קינדער מעגען ארבייטען ביי קאטאָן (באַ־וועל). מען וועט עס ארבייטען זומער און אוועק־שיקען ווינטער. איהר זעהט, ווי דער דריידעל מאכט צו נישט דעם געזעץ? אָדער נעהמט דעם אכט שעה׳יגען ארבייטס־טאָג פאר די אייזענבאַה־נער. שטעהט ניט אין געזעץ, אז מען טאָר ניט ארבייטען מעהר פון 8 שעה. ניין, מען מעג אר־בייטען אפילו 16 שעה. עס שטעהט נאָר, אז דער נאָרמאַלער טאָג רעכענט זיך אַכט שעה, אַז פאַר אכט שעה בעקומט מען איצט, ווי פריהער פאַר 10. דאָס הייסט די שכירות ווערט געהעכערט אויף 25 פּראָצענט. אָבער דער ארבייטס־טאָג בלייבט דער

זעלביגער. די ארבייטער האָבען געפאָדערט, אַז פאר איבער־שטונדען (אָווערטיים) זאָל מען זיי צאָהלען אָנדערטהאלבען מאָל אזוי פיעל, ווי פאר געוועהנליכע ארבייט. דעמאָלט וואָלט פאר די קאָמפּאניעס ניט געלוינט צו מאכען דעם ארבייטס־טאָג לענגער פון 8 שעה. פאר זיי וואָלט בעסער געלוינט צו האָבען פאר יעדע 8 שעה בעזונדערע ארבייטער. אָבער די דאָזיגע פאָדערונג האָט דער קאָנגרעס ניט אָנגענומען. אין געזעץ איז זי ניטאָ.

— איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז די שכירות איז געוואָרען העכער אויף 25 פּראָצענט. איז דאָך דאָס אויך גוט?

— געוויס גוט. אָבער פּרעזידענט ווילסאָן האָט דאָך פריהער גאָר ניט געקלעהרט צו טהאָן עפּעס פאר די אייזענבאהן־ארבייטער. ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבען געסטראשעט מיט אַ סטרייק, און אַ סטרייק אויף די אייזענבאהנען הייסט, לאָזען דאָס גאנצע לאנד אָהן פּיס, אַ זאך, וואָס איז אַלע מאָל זעהר ניט אנגענעהם, און פאר אַ קעמפּיין איז פאר אַ פּרעזידענט געוויס ניט אנגענעהם, מען זאָל איהם בעשולדיגען, אז ער האָט געבראכט דאָס לאנד צו אַ שווערען קריזיס, איז ווילסאָן געצוואונגען געוועזען דורכצופיהרען אַ געזעץ צו גונסטען פון די אייזענבאהן־ארבייטער און פערהיטען דאָס לאנד פון אַ סטרייק. רוזוועלט אויף זיין אָרט וואָלט מסתמא אויך אַזוי געטהאָן.

— הייסט עס, אז פאר אונז איז אַלץ איינס, ווער עס וועט זיצען אויפ׳ן פּרעזידענט׳ס שטול, אַ דעמאָקראט, צו אַ רעפּובליקאנער. ביידע וועלען

טהאָן, וואָס די גבירים ווילען. און ווען די אַר־בייטער וועלען זיך ארויסווייזען שטארק, ווען זיי וועלען קענען צווינגען דעם פּרעזידענט, ער זאָל זיך רעכענען מיט זיי, וועלען ביידע אַ ביסעל נאָכ־געבען די ארבייטער, כדי ניט ערגער צו מאכען.

— יאַ, אזוי הייסט עס.

— אויב אזוי וועל איך גאָר ניט שטימען, פּאַר קיינעם ניט. ווער פון די ניט־סאָציאַליסטען עס וועט אויסגעקליבען ווערען, איז דאָך מיר אַלץ איינס. און קיין סאָציאַליסט וועט סיי ווי ניט אויסגעקליבען ווערען.

— וואָס איהר זאָגט? אָבער די פּרעזידענט־וואהלען איז דאָך די צייט, ווען דאָס פאָלק גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג אין פּאָליטישע פראגען, ווען אַ מענש קלייבט אויס די פּאָהן, אונטער וועלכע ער זאָל זיך שטעלען, די פּארטיי, מיט וועלכער ער וויל געהן. דעמאָלט רעקרוטירט מען נייע אנהענגער. נייע שטימען פּאַר אונזער קאנדידאט, הייסט נייע סאָלדאטען אין אונזער אַרמעע. פון קעמפּיין צו קעמפּיין וואקסט אונזער צאָהל, ווערט גרעסער אונ־זער מאכט. שטימען פּאַר אונזער קאנדידאט, הייסט ערקלעהרען זיך פּאַר געגנער פון די אַלטע פּארטייען, ערקלעהרען זיך פּאַר אַ מענשען, אויף וועלכען די סאָציאַליסטען קענען אויסרעכענען. איז דאָס נאָך אייער מיינונג איבעריג אָדער איהר האָט קיין מוטה דערצו ניט, איהר קענט דאָס ביי זיך ניט פּועל'ען?

— ניין, דאָס ניט. ווייסט איהר גאָר וואָס? אז אייך וועט מעהר ניט פעהלען ווי מיין שטימע,

וועל איך ניט אָפּשטעהן פון קהל. איצט איז עס נאָך ווייט צום געלעכטער...

— אַ שכל כלעבען. יעדערער וויל זיין דער לעצטער. און ווער וועט זיין דער ערשטער? אַז אַלע וועלען אַזוי זאָגען, ווי איהר, וועלען מיר שטענדיג בלייבען קליין און מאכטלאָז. דער קעמפ־פיין איז אַ מין סמאָטרע, אַ צייט ווען מיר פיהרען אונטער אַ סך הכל פון די לעצטע פיער יאָהר אר־בייט; דאָס איז אויך אַ צייט, ווען די ארבייט גופא געהט שטארקער, ברייטער, ווי אין אַלע טעג פון אַ גאנץ יאָהר. דער טאָג פון די וואהלען דארף ווייזען אונז און די שונאים אונזערע, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט; זיינען מיר געוואקסען, געפאַלען אָדער געבליבען ווי געוועזן.

— צו וואָס דארף מען דאָס ווייזען די שונאים? בעריהמען זיך, וואָס?

— ניט בעריהמען זיך, נאָר כדי זיי זאָלען אויך וויסען, וואו זיי האַלטען אין דער וועלט. זיי זאָלען ציטערען פאַר אונזער מאכט. זיי זאָלען זיין מעהר געצווינגט נאָכצוגעבען עפּעס, כדי ניט צו פערלירען אַלץ. זיי זאָלען זיך רעכענען מיט אונז. וואָרום אויב די רייכע און שטארקע ווייסען, אַז די סאָ־ציאַליסטישע ארמעע וואקסט ניט, ווערען זיי ביי זיך פעסטער, שטאַלצער; ווילען זיי קיין זאך ניט נאָכגעבען. פערקעהרט, ווען זיי זעהען, אַז די מאסען זיינען אונצופריעדען, אַז זיי שטעלען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אונטער דער רויטער פאָהן, בעמיהען זיי זיך דורכצופיהרען וועלכע עס איז רעפאָרמען, כדי צו בערוהיגען די מאסען, היטען זיי

זיך צו האנדלען צו שארף, צו גראָב. אזוי איז מיט די גבירים גופא; אזוי איז אויך מיט זייערע שטאאטס־מענער און פּאָליטישענס. ווען דער רע־פּובליקאנער שטאאטס־מאן וועט פיהלען, אז די פּאָלקס־מאסען זיינען ניט צופריעדען מיט זיין פּארטיי, אז זיי ציהט צום סאָציאַליזם, וועט ער מוזען זיין נאָכגיביגער, זיך מעהר רעכענען מיט די מאסען, כדי ניט איינצורייסען מיט די וועהלער. דאָס זעלבע איז מיט די דעמאָקראטישע פּאָליטי־קער.

מיט פיער יאָהר צוריק האָט דער סאָציאַליס־טישער קאנדידאט בעקומען אומגעפעהר איין מי־ליאָן שטימען. ווען דעם מאָל זאָל ער בעקומען ניט מעהרער אָדער נאָר אַ קליין ביסעל מעהרער, וועט עס הייסען, אז דער סאָציאַליזם וואקסט ניט, אז די מאסען זיינען צופריעדען. און די אלטע פּארטייען וועלען זיך זאָגען: מען דארף קיין זאך ניט בייטען. קיינע רעפאָרמען זיינען ניט נויטיג. די מאסען שווייגען. זיי קלעהרען גאָר ניט צו פּראָטעסטירען. און די בעלי בתים וועלען זאָגען: דער סאָציאַליזם וואקסט ניט, די ארבייטער לאָזען זיך בויגען, קאָנען מיר זיך ערלויבען מעהרער ווי פריהער, קאָנען מיר טרעטען זייערע רעכט מיט די פיס. נישקשה, זיי וועלען שווייגען. ווער רעדט נאָך, אויב דער סאָציאַליסטישער קאנדידאט זאָל בעקומען ווייניגער שטימען, ווי מיט פיער יאָהר צוריק. דעמאָלט וועט די חוצפה פון די בעלי־בתים און די פּאָליטישענס ניט וויסען קיין גרענעץ. דעמאָלט וועט מען זיך נאָך מעהר ווי איצט ערלויבען צו

דערשטיקען מיט גוואלד סטרייקען, צו פערגיסען מיט בלוט יעדען גרויסען ארבייטער־קאמפף. די באָסעס וועלען מיינען, אז זיי קאָנען שוין טאַנצען אויפ'ן קבר פון דער אָרגאניזירטער ארבייטער־בע־וועגונג. אָבער ווען די סאָציאַליסטישע קאנדידא־טען וועלען בעקומען דעם מאָל 2 מיליאָן שטימען — וועט עס זיין א קאפוליער אָנצוהערעניש פאר אַלע קאפיטאַליסטען און זייערע פאָליטישענס. איהר זעהט, ווי מיר וואקסען! היט זיך! 2 מיליאָן שטימען פאר די סאָציאַליסטישע קאנדידאטען וועט הייסען צוויי מיליאָן שטימען געגען פריפערעדנעס, געגען קאזארמע. און ווער עס זאָל ניט זיעגען, די רעפובליקאנער צו די דעמאָקראטען, וועלען זיי מוזען זיין פאָרזיכטיג, וועלען זיי זיך היטען צו פערגרעסערען די ארמעע און דעם פלאָט מיט אזא אימפעט, ווי איצטער. צוויי מיליאָן שטימען פאר די סאָציאַליסטען וועט הייסען צוויי מיליאָן שטי־מען געגען יקרות, צוויי מיליאָן שטימען פאר גע־זעצען צו שיצען די ארבייטער. און ווער עס זאָל ניט זיצען אויפ'ן פרעזידענטען־שטוהל, וועט ער זיך מוזען רעכנען, וועט ער ניט קענען זיך ניט רעכנען מיט דעם פאקט, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען בעקומען צוויי מיליאָן שטימען.

ווי איהר זעהט, איז א שטימע פאר דעם סאָ־ציאַליסט, וואָס לויפט פאר פרעזידענט, ניט ארויס־געוואָרפען. צי וועלען מיר בעקומען מעהרער שטימען צי ווייניגער וועט זיך עס געבען צו פיהלען צו גוטען אָדער צו שלעכטען אין שאפ און אין קאָנגרעס, ביי סטרייקס און ביי מאכען געזעצען.

געבען צו פיהלען פּראַקטיש. מעהר שטימען הייסט מעהר מאכט. דאָס הייסט ניט בעריהמען זיך. דאָס הייסט ווירקען, א ציה טהאָן די וואָגשאָל פון דער פּאָליטיק מעהרער אויף אונזער זייט. דאַרף מען עס טהאָן צו ניט? הייסט עס אַרויסוואַרפען שטימען אָדער עפּעס אויפטהאָן מיט זיי?

צוויי מיליאָן שטימען — דאָס איז דער ציעל, וואָס די סאָציאַליסטען שטעלען זיך אין היינטיגען קעמפּיין. אויב יעדער ארבייטער וועט טהאָן זיין פליכט צו זיך און צו זיין קלאַס, וועלען מיר עס דערלאַנגען.

צוויי מיליאָן שטימען!

די נייע וועלט

ארויסגעגעבען פון דער
אידישער סאָציאליסטישער פעד. פון אמעריקא.

—— ערשיינט יעדען פרייטאג. ——

שטענדיגע אבטיילונגען:

1. לייט־ארטיקלען און עדיטאָריעלע נאָטיצען.
2. ארטיקלען פון מיטארבייטער—איבער לוי־
פענדע פראגען פון סאציאל־פּאָליטישען און קולטורעלען
לעבען, אידישען און אלגעמיינעם.
3. די פּרעסע — קריטישער איבערבליק פון צייט־
טונגען און זשורנאַלען, אידישע און אלגעמיינע.
4. אין דער ארבייטער בעוועגונג—דיסקוסיאָן
פון פּראקטישע טועך אין דער ארבייטער וועלט.
5. אין דער סאציאליסטישער געדאנקען־וועלט
— א קריטישער אַנאַליז פון אלעם וואָס ווערט בעטראכט
און דיסקוטירט אין דער וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלען
סאציאליסטישען געדאַנק.
6. קליינער פעליטאָן.
7. ליטעראטור און לעבען—קריטישע אָפּהאַנד־
לונגען איבער ליטעראטור, קונסט און דערגלייכען.
8. אַמעריקא — אינפארמאַציאָנס־ארטיקלען ווע־
גען אינסטיטוציאָנען, געשיכטע און בעוועגונגען אין
אַמעריקאנער געזעלשאַפטליכען לעבען.
9. פּאָעזיע, סקיצען, ערצעהלונגען — בעסטע
אָריגינעלע און איבערזעצטע.
10. וויסענשאפטליכע שמועסען.

סובסקריפּשאָן־פּרייז:

אין די פעראייניגטע שטאַאטען, 1 יאהר — $1.00,
6 מאָנאַטען — 50 סענט. אין קאַנאַדאַ און אייראפּא,
1 יאהר — $1.50, 6 מאָנאַטען — 75 סענט.

Die Naye Welt, 175 E. Broadway, New York

די צייט

סאָציאַל־פּאָליטישער און קולטורעלער זשורנאַל.

ערשיינט פיער מאָל אין יאָהר.

געווידמעט דעם שטודיום פון :

1. סאָציאַליזם, אַלס וויסענשאַפט און בעוועגונג.
2. אַמעריקא, איהר געשיכטע, אינסטיטוציאָנען און בעוועגונגען.
3. פּראָבלעמען און פראגען פון אידישען לעבען.
4. דער ראַדיקאַלער געדאַנק.

סובסקריפּשאָן־פּרייז :

פעראייניגטע שטאַאַטען :

1 יאָהר — 1 דאָלאַר ; איינצעל־פערקויף — 25ס.

קאנאדא און אייראָפּא :

1 יאָהר — $1.20 ; איינצעל־פערקויף — 30ס.

DIE ZEIT, c|o Jewish Socialist Federation
175 East Broadway, New York, N. Y.

אין פערלאַג פון דער

אידישער סאָציאליסטישער פעד. פון אמעריקא

ווערט אַרויסגעגעבען

די אַרבייטער ביבליאָטעק

די ביבליאָטעק פאַר יעדען ארבייטער, וואָס וויל שטודירען די פּראָבלעמען פון סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען.

ביז איצט זיינען אין דער „ארבייטער ביבליאָטעק" ערשיענען פאָלגענדע ביכער:

א. ש. זאקס: די לעהרע פון סאָציאַליזם — 25ס.

יעקב לעווין: דער אמת וועגען פאַלעסטינאַ — 35ס.

מאָרים הילקוויט: די ארבייטער און דאָס געזעץ — — — — — — — — — — 25ס.

אָרגאַניזאַציאָנען קריגען ראַבאַט.

בעשטעלונגען ווערען אָנגענומען אין קעש, מאָני־אָרדערס אָדער סטעמפּס.

JEWISH SOCIALIST FEDERATION
175 East Broadway, New York, N. Y.
Literature Dept.

די ערקלעהרונג, וואָס יעדער קאַנדידאט פאר מיטגליעד אין דער סאָציאַליסטישער פארטיי דארף אונטערשרייבען.

איך בעט מיך אויפצונעהמען אלס מיטגליעד אין דער סאָציאַליסטישער פארטיי. איך אנערקען דעם קלאסען־קאמפף צווישען די קאפיטאליסטען און די ארבייטער. איך אנערקען, אז פאר דעם ארבייטער־קלאס איז נויטיג צו ארגאניזירען זיך אין א פּאָליטישער פארטיי, כדי איינצופיהרען קאָלעקטיווען אייגענטהום און דעמאָקראטישע פערוואלטונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציאָן און פערטהיילונג, וועלכע זיינען געזעלשאפטליך נויטיג און ווערען געמיינשאפטליך געברויכט. איך האָב ניט קיין שום פערבינדונג, ניט אלס מיטגליעד און ניט אלס מיטהעלפער מיט קיין אנדער פּאָליטישער פארטיי. איך בין געגען אלע פּאָליטישע אָרגאניזאציעס, וואָס אונטערשטיצען און זוכען צו פערלענגערען די געגענווערטיגע קאפיטאליסטישע פּראָפיט־סיסטעם. איך בין אויך געגען יעדע

פּאָליטישע אָבמאַכען אָדער פערבינדונגען מיט אזעלכע אָרגאניזאציאָנען, וואָס שטעהען פאַר אַנ־האַלטען דיעזע סיסטעם. איך פערפליכטע זיך נאָכצוקומען אין אַלע מיינע פּאָליטישע האנד־לונגען, — אזוי לאנג ווי איך וועל זיין א מיט־גליעד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, — די קאָנסטיטוציע און פּלאטפאָרמע פון דער סאָציאַ־ליסטישער פארטיי.

..................(אונטערשריפט)

די מיטינגען פון.............ברענטש פון דער

סאָציאַליסטישער פּארטיי ווערען אָבגעהאַלטען

יעדען.............. אין...................

....

די מיטינגען זיינען אָפען פאַר אַלעמען.

ליטעראַטור פערלאַג פון דער אידישער
סאָציאַליסטישער פעדעראַציאָן פון אַמעריקא

ערשיענען ביז איצט:

1. ב. האָלצמאַן: די אמעריקאנער רעגיערונג (אויס־פערקויפט) — — — — — — — — — — — .10
2. אללאן בענסאן: דער שטייגענדער יקרות (אויס־פערקויפט) — — — — — — — — — — .05
3. מאָרים הילקוויט: דער סאציאליזם — — .10
4. אסקאר אמערינגער: אָנקעל סעם'ס לעבען .05
5. יודזשין וו. דעבס: יוניאניזם און סאציאליזם .05
6. די מלחמה: זאַמעלבוך (אויספערקויפט) — .12
7. דאָס אידישע יאָהר־בוך 1914 — — — — — .25
8. דאס אידישע יאהר־בוך 1915 — — — — .25
9. דאס אידישע יאהר־בוך 1916 — — — .25
10. דר. מ. גאָלדפארב: די ארבייטסלאָזיגקייט .05
11. טהערעזא מאַלקיעל: די פרוי און די פריוהייט — — — — — — — — — — .03

די סעריע „ארבייטער־ביבליאָטעק":

1. א. ש. זאַקס: די לעהרע פון סאציאליזם .25
2—3. יעקב לעווין: דער אמת וועגען פאַלעס־טינאַ — — — — — — — — — — — — .35
4. מאָרים הילקוויט: די ארבייטער און דאס געזעץ — — — — — — — — — — — .25

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען צו:

JEWISH SOCIALIST FEDERATION
OF AMERICA, Literature Department
175 East Broadway, New York, N. Y.

דאָס נייעסטע ווערק איבער

די לעהרע פון סאציאליזם

פון א. ש. זאַקס

שעהן געדרוקט, אויף אַ פּראַכטפּאָלען פּאַפּיער, אין 160 זייטען.

א י נ ה אַ ל ט :

1. די מעטאָדע פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.
2. די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג.
3. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.
4. די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פון סאָציאַליזם.
5. ווערטה־טעאָריען.
6. די אָביעקטיווע אָדער ארבייטס־טעאָריען.
7. די לעהרע פון מעהר־ווערטה.
8. צו דער קריטיק פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם.

די פּרעסע איבער דיזען בוך :

....און מען מוז צוגעבען, אַז די דאָזיגע לעצטע אויפגאבע (געבען אין איין ווערק אַ גאַנצע אויסגעהאַלטענע לעהרע פון מאַרקסיזם) האָט זאַקס ערפילט מיט פלייס און מיט קענטניש. דער אויפמערקזאמער לעזער וועט אַ סך געווינען ווען ער וועט דורכשטודירען דאָס ווערק. אין דער אידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז עס דאָס איינציג אין זיין אַרט, און עס בעדאַרף פרידיגט אַ געוויסע בעדירפניש, וועלכע פיהלט זיך שוין לאַנג.

....בלייבט דאָך דאָס ווערק אַ ווערטהפולע ערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור, און וועט געוויס ערפילען די אויפגאבע, וואָס די פערלעגער האָבען אָנגעמערקט: העלפען דער אַלזייטיגער אויפקלעהרונג און אויסבילדונג פון אונזערע בעסערע ארבייטער קרעפטען.

אָלגין („צוקונפט").

א. ש. זאַקס איז גוט בעקאַנט דעם אידישען סאָציאַליסטישען לעזע־פּובליקום אַלס אַ גוטער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון סאָציאַ־

לע וויסענשאפטען. זיין אמאליגעס ווערק „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“, זיין „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“ און אַ צאָהל קלענערע פּאָפּולער־וויסענשאפטליכע שריפטען און ארטיקלען דיענען אַלס גוטער אויפקלערונגס־מאַטעריאַל פאר די, וועלכע ווילען ערנסט שטודירען דעם סאָציאַליזם און בכלל סאָציאַל־פּאָליטישע פראגען.

אין דיעזען בוך—ווי עס שיינט—האָט זיך דער מחבר געשטעלט אַ נייע אויפגאַבע: פּעראייניגען אין איין לאָגישען צוזאַמענהאַנג די צוויי גרונד־לעהרען פון מאַרקסיזם — ד ע ם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם און די לעהרע פון מעהרווערטה.

מ. טערמאַן („דער אידישער סאָציאַליסט“)

מיר מוזען זיך גראַטולירען מיט דעם פאקט, וואָס די אידישע ארבייטער בעוועגונג האָט דערגרייכט אַזאַ שטופע פון ענטוויקלונג, אַז די פעדעראַציאָן האָט דערפיהלט די דרינגענדע נויטווענדיגקייט אַרויסצוגעבען ערנסטע און פּאָפּולער וויסענשאפטליכע ביכער. און אַז די ערשטע התחלה איז געמאכט געוואָרען מיט דעם בוך „די לעהרע פון סאָציאַליזם“, פון א. ש. זאַקס. דר. אב. קאספּע („דער איד. סאָצ.“)

דאָס בוך פון א. ש. זאַקס, „די לעהרע פון סאָציאַליזם“, איז זעהר אַ געלונגענעס ווערק, אין וועלכען דער פּערפאסער פערשטעהט ווי צו ערקלעהרען אויף דעם איינפאכסטען אופן דעם סאַמע עיקר פון דעם, וואָס געהט אונטער דעם נאָמען: „דער וויסענשאפטליכער סאָציאליזם“.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז דאָס איז בעסטע און ניצליכסטע ווערק, וואָס איז ערשיענען ביי אונז אין אידיש פאר דעם יאָהר 1914. סיי די אַרויסגעבער, „די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראַציאָן פון אמעריקא“, און סיי דער פערפאסער פון דעם ווערק, א. ש. זאַקס, מעגען ווירקליך שטאָלץ זיין מיט זייער אויפטהו.

דער איינפאכסטער לעזער, וואָס וויל נור אַביסעל צולעגען דעם קאָפּ, וועט געפינען „די לעהרע פון סאָציאליזם גאַנץ לייכט פערשטענדליך.

ש. יאנאָווסקי („פרייע ארבייטער שטימע“).

דעם פערפאסער איז געלונגען אין אַ קלאָהר אידישער

שפראך מסביר צו זיין שווערע ענינים אַזוי, אַז דער וואָס וויל לערנען דעם ענין זאָל דערצו האָבען אַ פולע מעגליכקייט אין דיעזען בוך.

אַ היבש צאָהל אינטעליגענץ, וואָס לעזט אפילו יאָ אַנדערע שפּראַכען, מעג זיך אויך ניט שעהמען איינצושאַפען פאַר זיך אַזאַ בוך אין איינגענעם ביבליאָטעק. אסור אויב עס וועט זיין שאַדען !... מ. קאַטץ („די אידישע וועלט“)

וואָס אונז געפעלט אין דעם ווערק איז, וואָס עס בעהאַנ־דעלט אַלעס מיט דעם ישוב הדעת און מיט די געדולדיגע התמדה פון אַ וויסענשאַפטס־מאַן, וואָס זוכט צו ערקלעהרען, צו געבען פערשטעהן און ניט אָבצוקומען מיט אַגיטאַציע, מיט פראַזען, וועלכע אַפּעלירען מעהר צו פערביטערטע הערצער, ווי צו קלאָהרע מוחות. מיר מוזען זאָגען, אַז דאָס ווערק פון מר. זאַקס איז דאָס בעסטע און דאָס גרינדליכסטע וואָס מיר האָבען געזעהען אין אידיש וועגען דיעזער לעהרע.

תשרק („דאָס אידישע טאַגעבלאַט“)

אין דעם בוך פון א. ש. זאַקס בעקומט דער לעזער אַ בעגריף פון דעם, ווי אַזוי דער סאָציאַליזם האָט זיך ענטוויקעלט און די פילאָזאָפיען און אידעען, וואָס האָבען אויף איהם אויסגענוצט זייער איינפלוס.

דער צוועק צו ערקלעהרען דעם סאָציאַליזם פאַר דעם אינטעליגענטען אידישען ארבייטער איז אין דעם ווערק פאָלשטענדיג אויסגעפיהרט געוואָרען. („די ווארהייט“).

פרייז: 25 סענט, בראָשירט

" 40 " געבונדען.

אדרעסירט בעשטעלונגען

THE JEWISH SOCIALIST FEDERATION OF AMERICA

175 East Broadway, New York City.